STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04487

DER MISHPET

Morris Katz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאָריס קאַץ

דער משפט

פאַרלאַג . . „נאַראָד פּרעס“

מאריס קאַץ

דער משפט

א דראמע

אין דריי אַקטן

פון פראַנצויזיש־יידישן לעבן

1949

לאָנדאָן

פון דעם זעלבן מחבר

דענטיסטיק —

אַ וויסנשאַפטלעכע אויפקלערונג איבער ציין היילונג און קינסטלעכע ציין מיט ציטאַטן פון תלמוד.

* * *

באפרייאונג —

אַן איינאַקטער פון דער פּאַרטיזאַנען־באַוועגונג.

* * *

דעם נאציס יידישע טאכטער —

אַ לעבנס־בילד אין דריי אַקטן מיט פּראָלאָג און עפּילאָג.

* * *

דער משפט —

אַ דראַמע אין דריי אַקטן פון פּראָווינציאַלן־יידישן לעבן.

* * *

גרייט צום דרוק

דער נצחון פון ישראל —

אַ דראַמע פון יידיש־העראָאישן קאַמף.

לזכרון

פון מיינע ברידער

פתחי' כ"ץ ז"ל
יחיאל מאיר כ"ץ ז"ל

זייערע פרויען, קינדער און אַלע
אומעגקומענע קרובים אין פאַרשידענע
קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין די יאָרן
1942-45

ת.נ.צ.ב.ה.

פ א ר ו ו א ר ט

אין אַ געשפּרעך מיט פּען־חברים איבערן יידישן טעאַטער־וועזן, האָב איך זיי דערציילט אַז איך האַלט אין שרייבן אַ נייע דראַמע, א.נ. „דער משפּט“, וואָס שפּיגלט אָפּ דאָס לעבן פון אַ נישט־יידישער פּראַנצויזישער פאַמיליע.

היתכן? — האָבן די חברים מיך געפרעגט. פאַרוואָס נישט שרייבן ליבער פונם יידישן לעבן; איבערהויפּט נאָך דעם ווי איך האָב געהאַט אַ באַדייטנדיקן דערפאָלג מיט דער דראַמע „דעם נאַצי׳ס יידישע טאָכטער“!

מיין ענטפער איז געווען, אַז דער ייד, פּונקט ווי דער נישט־ייד, קען זיין אוניווערסאל און איז כלל נישט מחויב זיך מצמצם צו זיין — שפּעציעל — אין די ענגע ד׳ אמות פון אַ געטאָ... און צי קען מען דען נישט באַהאַנדלען אונזער אַנגעווייטיקט יידן־פּראָבלעם אויף דער קאַנווע פון אַ נישט־יידישער פאַמיליע? חוץ מזה טאָר מען דעם שרייבער נישט דיקטירן. אָן פרייהייט, וואָס איז דער אָטעם פון זיין שאַפן, קען ער נישט אָנגיין מיט זיין אַרבעט.

די דראַמע, וואָס אַן אמת, איז די שווערסטע און, אפשר, די אומדאַנקבאַרסטע פאָרם אין דער ליטעראַטור. שריפטשטעלער, אַפילו פון ערשטן ראַנג, וואָס האָבן אין פּאָעזיע און פּראָזע ממש אויסגעמייסטערט שעדעוורן, האָבן אַ סך מאָל זיך אַרויסגעוויזן אומבאַהאָלפן ווען עס איז געקומען צו דראַמאַטישע עקספּערימענטן, ווייל דאָ קומען אַריין עלעמענטן, וואָס די נאָוועלע און דאָס ליד פאַרמאָגן נישט: פּערסאָנאַזשן־שילדערונג, רעפּליק, מאָנאָלאָג, אַקציע, באַוועגונג און זשעסט.

כדי צו זיין אַ דראַמאַטורג, מוז מען זיך אַריינטון אין דער אידייען־וועלט פון קאָנפליקטן און פּאַסירונגען; זיך פילן ווי אַן אינעווייניקסטער העלד פון דער געשיכטע; מיטלעבן מיט די געגעבענע פּערזאָנען, און דאָך זיך באַפרייען פון דער סוביעקטיווקייט און בלייבן דער אָבסערוואַטאָר, דער צושויער.

אין דער דראַמע, „דער משפּט“, וואָס באַהאַנדלט דאָס לעבן פון אַ נישט־יידישער פאַמיליע, וויל איך — אויף וויפל עס האָט זיך מיר איינגעגעבן — זאָגן אַ וואָרט צו דער נישט־יידישער וועלט. אפשר וועט זי הערן...

דאָס גרויע, וואָכעדיקע, צעפּייניקטע לעבן, פול מיט ליידנשאַפט און אַנ־טוישונגען, ליפערט דעם דראַמאַטורג אַ דעם שטאָף, וואָס די פאַנטאַזיע זיינע איז נישט ביכולת אויסצוטראַכטן, און עס מאַכט גאָרנישט אויס צי דער דראַ־מאַטורג איז באַהערשט פון מיסטישע שטימונגען אָדער, אַלס רעאַליסט, גייט פעסט אויף דער ערד. מיר האָבן געוואַלטיקע התחייבותן איצט, נאָך מער ווי תמיד, צו רעאַגירן אויף אַלע עוולות און אומגערעכטיקייטן. מיר מוזן זוכן אַ לייזונג — אפשר די לייזונג — צום אייביקן געראַנגל צווישן מענטש און מענטש, צווישן מענטש און גאָט...

אין אונזער שווערער שעה, ווען מיר האָבן נאָר וואָס איבערגעלעבט דעם שווערסטן חורבן אין אונזער געשיכטע, איז עס פאַר מיר געווען אַ הייליקער חוב אָנצושרייבן די דראַמע, כדי אויפצופאָדערן די וועלט זיך צו פאַרטראַכטן איבער אַן עניך, וואָס איז במשך פון יאָרהונדערטער פון טאָג צו טאָג אַלץ גע־וואָרן מער אָנגעוויטיקט.

אפשר איז עס מיר געלונגען. הלואי!...

מאָריס קאַץ.

Morris Katz מאָריס קאַץ

פערזאנען:

עדואַרד דעוורי, 47 יאָר אַלט

זשאַקלין, זיין פרוי, 45 יאָר אַלט

קאַלעט, זייער טאָכטער, 21 יאָר אַלט

מאַרסעל פאַנטען, קאַלעטס חתן, 23 יאָר אַלט

ראָבערט קאַלען, קאַלעטס אַ פריינט, 24 יאָר אַלט

זשילבערט, אַ יתום, 7 יאָר אַלט

פּאַסטאַר פראַנסוא, זשאַקלינס ברודער, 50 יאָר אַלט

זשאַק טענוויל, זשאַקלינס אַ קוזין, 46 יאָר אַלט

זשאַנעט פּעין, אַ דינסטמיידל, 22 יאָר אַלט

זשוליאַ וואַרען, אַן עדות, 40 יאָר אַלט

קאַמיל דעמולען, אַ זשאַנדאַרם, 46 יאָר אַלט

דיבוּאַ, אַן אַדוואָקאַט

אַ רב (ראַבינער מאָזעס)

שאַרל, תפיסה-סעקרעטאַר

אַ הויפּט-ריכטער

געריכטס-סעקרעטאַר

פּראָקוראָר

געריכטס-דינער

זשאַנדאַרמען, 12 געשוואָירענע, געסט

זשאַן

אַדריאַן

אויפפירן, איבערדרוקן אדער איבערזעצן די דראמע אן דער
דערלויבעניש פונם אויטאר — געזעצלעך פארבאטן.

קאפירייט ביים מחבר

ערשטער אַקט

אלע פערזאנען, וואס ווערן דערמאנט אין דער דראמע, זענען פשוט אויסגעטראכט — פראדוקטן פון דעם מחברס פאנטאזיע — און האבן לחלוטין נישט קיין שום שייכות מיט וועלכער עס איז לעבעדיקער פערזאן

פ ע ר ז א נ ע ן: — (אין ערשטן אַקט)

עדואר דעוורי, 47 יאָר אַלט

זשאקלין, זיין פרוי, 45 יאָר אַלט

קאלעט, זייער טאָכטער, 21 יאָר אַלט

זשילבערט, אַ יתום, 7 יאָר אַלט

מארסעל פאנטען, קאָלעטס חתן, 23 יאָר אַלט

ראבערט קאלען, קאָלעטס אַ פריינט, 24 יאָר אַלט

פאסטאר פראנסוא, זשאקלינס ברודער, 50 יאָר אַלט

זשאק טענוויל, זשאקלינס קוזין, 46 יאָר אַלט

זשאנעט פעין, אַ דינסטמיידל, 22 יאָר אַלט

זשאן

אדריאן

געסט

האַנדלונג — אין אַ פּראָווינץ־שטאָט אין פראַנקרייך נאָך דער באַ־פרייאונג פון דער נאַצישער הערשאַפט.

„דעלך סני לחברך לא תעביד״
(שבת ל״א, ע״א)

ס צ ע נ ע

די בינע שטעלט פאָר אַ גרויס, מאָדערן סאלאָן־צימער. רעכטס אַ טיר, לינקס אַ טיר צו די אַנדערע צימערן, אין מיטן אַ טיר צום קאָרידאָר און אַרויסגאַנג און אַ פענצטער. צווישן דער טיר און דעם דערבייאיקן פענצטער הענגט אַ גרויס בילד אין אַ שוואַרצער רעם — דאָס בילד פון דעם צוואַנציק־יאָריקן זון, עדמונד דעוורי. ביי די ווענט עטלעכע פאָטעלן. אין פראָנט — אַ טיש מיט שטולן. ביים פענצטער אַ קליין טישל, דערויף וואַזעס מיט בלומען. לינקס, אויף דער וואַנט הענגט אַ שפיגל.

ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, זעט מען זשאַנעטן אויף דער בינע. זי ווישט אַרום דעם שטויב און שטעלט גלייך די בענקלעך, זינגענדיק ביי דער אַרבעט. עס הערט זיך אַ קלונג. זשאַנעט גייט אויפמאַכן די טיר און עס קומט אַריין עדואַר, באלאדן מיט כלערליי שפילצייגן פאַר זשילבערטן.

עדואר:

זשאַנעט, שיק מיר אַריין זשילבערטן.

זשאנעט:

זאָפאָרט, מוסיע.

(זשאַנעט גייט אָפּ. עדואר פאַקט אויף די זאַכן און זשילבערט קומט אַריין)

עדואר:

קום אַהער, זשילבערט. היינט וועט דאָ זיין פריילעך. קאָלעט ווערט אַ כלה, ווייל איך, אַז אויך דו זאָלסט זיך פרייען. נאַ, זעסט וואָס איך האָב דיר אַלץ אָנגעקויפט ? !

(עדואַר נעמט אַרויס די זאַכן. זשילבערט ווערט כסדר מער און מער איבעראַשט פון די מתנות. עדואַר טוט אויס דעם ראָק, שטעלט אויס אויף דער פאַדלאָגע די רעלסן מיט דעם אײַזנבאַן, וואָס ער האָט געקויפט פאַר זשילבערטן)

זשילבערט:

(שטעלט אַוועק אַ בודקעלע)
דאָ וועט זײַן די סטאַציע.
(עדואַר ליגט אויף דער פאַדלאָגע, שפּילנדיק זיך מיט זשילבערטן. עס קומט אַרײַן קאַלעט)

קאַלעט:

(שמייכלט)
פּאַטער, דו מאַכסט מיך אײַפערזיכטיק!

עדואַר:

דו האָסט הײַנט אַ שמחה, זאָל ער אויך הנאה האָבן.

קאַלעט:

יאָ, אָבער יעדן טאָג קויפסטו עפּעס פאַר זשילבערטן. איך הייב שוין אָן צו טראַכטן, אַז דו ליבסט אים מער ווי מיך.

עדואַר:

זײַ נישט אײַפערזיכטיק, טאָכטער מײַנע, איך האָב דיר אויך עפּעס געבראַכט.
(שטעלט זיך אויף און גייט צו צום ראָק. ער נעמט אַרויס אַ שאַכטעלע מיט אַ גאָלדן זייגערל און דערלאַנגט עס קאַלעטן. זי איז איבעראַשט פון דער מתנה און גיט דעם פּאַטער אַ קוש)

קאַלעט:

פּאַטער, איך האָב זיך באמת נישט געריכט צו באַקומען פון דיר אַזאַ מתנה צו מײַנע תנאים!
(זשילבערט שפּילט זיך)

עדואר:

פאַרוואָס נישט?

קאַלעט:

ווייל איך ווייס, אַז דו ביסט נישט צופרידן דערמיט, וואָס איך ווער מארסעלס כלה. דו וואָלסט ליבער געוואָלט האָבן ראָבערטן פאַר אַן איידעם.

עדואר:

דאָס איז ריכטיק. אָבער איך האָב דאָך שוין געגעבן מיין הסכמה, מוז איך זיין צופרידן, קינד מיינס!

קאַלעט:

גלויב מיר, פאָטער, אַז איך האָב ראָבערטן אויפן געוויסן. איך פיל, אַז איך ליב אים מיטן גאַנצן האַרצן, אָבער דו ווייסט דאָך, אַז די מאַ האָסט אים. זי האַלט אין איין טענהן, אַז ער פּאַסט זיך נישט אַריין אין אונזער משפחה; אַז ער איז אַ סאָציאַליסט, אַ קאָמוניסט און אַז איך וועל זיין מיט אים אומגליקלעך. איך פיל אָבער, אַז דאָס איז נישט ריכטיק, און ווען די מאַ סטראַשעט מיך נישט, אַז זי וועט זיך ס'לעבן נעמען, אויב איך וועל מיך פאַרלאָבן מיט ראָבערטן, וואָלט איך קיינ־מאָל נישט גענומען מארסעלן; כאָטש ער איז אַ גוטער פריינט, און איך האָב אים גאַנץ ליב.

עדואר:

יאָ, קינד מיינס, איך ווייס עס. דיין מוטער האָט מיר אויך געזאָגט דאָס זעלביקע.

קאַלעט:

וואָס וועט אָבער ראָבערט זאָגן, ווען ער וועט זיך דערוויסן, אַז מאַר־סעל איז מיין חתן?

עדואר:

וואָס זאָל ער זאָגן? דו קענסט דאָך נישט חתונה האָבן מיטביידע!

זאָג מיר, איך בעט דיך, ראָבערט ווייסט נאָך נישט דערפון, האָסט אים נאָך נישט דערציילט און נישט איינגעלאַדן צו דער שמחה?

קאלעט:

נייך, פּאַפּאַ, כ׳האָב פשוט מורא געהאַט דאָס צו טון.

עדואר:

זעסטו, מיין קינד, איינלאַדן האָסטו אים יאָ באַדאַרפט. אויב ער איז דיר אַן אמתער פריינט, וועט ער דיך פאַרשטיין און אויך ווייטער פאַרבלייבן דיין פריינט.

(זשאקלין קומט)

זשאקלין:

(מיט אַ שמייכל)

זעט נאָר וואָס דאָ טוט זיך! האָסט שוין ווידער אויסגעגעבן געלט אויף נאַרישקייטן? (צו זשילבערטן, אַרומנעמענדיק אים) דו ביזט אַ מזלדיק קינד, זשילבערט. אַלע האָבן דיך ליב! (צו עדוארן) עדואר, קום אַריין און טו זיך איבער, באַלד קומען דאָך די געסט.

עדואר:

יאָ, ביסט גערעכט. זשאַקלין, וואַרט נאָר אַ ווײַלע. (ער נעמט אַ פּעקל און גיט עס קאָלעטן) קאָלעט, דאָס איז זשילבערטס נייער אנצוג. ער מוז זיך אויך אויספּוצן צו דיינע תנאים!

קאלעט:

(שמייכלענדיק צופרידן)

אודאי.

עדואר:

(צו קאָלעטן)

זיי אַזוי גוט און נעם אים אַריין, זאָל ער זיך באַלד איבערטון אין דעם נייעם אנצוג.

קאַלעט:

גוט, פּאַפּאַ, קענסט זיך אויף מיר פאַרלאָזן.

זשאַקלין:

(עפנט אויף די טיר און רופט)

זשאַנעט!!

קאַלעט:

(ווייזט דאָס זייגערל)

זעסט, מוטער, וואָס דער פּאַפּאַ האָט מיר היינט געקויפט?

זשאַקלין:

(באַטראַכט עס)

אַ זער שיין זייגערל. אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ. וועסט זיכער באַקומען אַ גרעסערע מתנה פון מאַרסעלן.

זשאַנעט:

(קומט אַריין)

די מאַדאַם האָט מיך גערופן?

זשאַקלין:

יאָ. נעם צונויף די אַלע זאַכן און טראָג זיי אַריין צו זשילבערטן אין צימער. דערנאָך זאָלסטו מאַכן אָרדנונג דאָ אין סאַלאָן.

(אַלע גייען אַרויס. זשאַנעט בלייבט אַליין און ברענגט דאָס צימער אין אָרדנונג. עס הערט זיך אַ קלונג. זי לויפט צו דער טיר. עס קומט אַריין אַ פּאַסטאָר)

זשאַנעט:

וויאַזוי זאָל איך איך מעלדן?

פּאַסטאָר:

זייט אַזוי גוט און זאָגט דער מאַדאַם, אַז איר ברודער, פּאַסטאָר פראַנ־סוא, איז געקומען.

(זשאַנעט גייט אָפּ. דער פּאַסטאָר זעצט זיך אויף אַ פאָטעל. זשאַקלין און איר מאַן קומען אַריין. זיי באַגריסן זיך מיט אים זער וואַרעם און בעטן אים צום טיש. אַלע זעצן זיך. זשאַקלין הייסט דערלאַנגען טיי)

זשאַקלין:

ברודער טייערער, פיר יאָר האָסטו מיין שוועל נישט איבערגעטראָטן, און דאָך האָסטו באַשלאָסן איבערצורייסן דעם ברוגז, האַ?

עדוואַר:

מיר זענען אַזוי גליקלעך דיך צו זען ביי אונז, אַז עס פעלט מיר פּשוט אויס ווערטער...

פראַנסואַ:

איך פאַרשטיי. און די קליינע קאָלעט ווערט שוין טאַקע אַ כלה?

זשאַקלין:

יאָ, היינט איז טאַקע די תנאים. באַלד קומען די געסט און מיר וועלן זיך אַביסל משמח זיין. קאָלעט איז שוין אָבער נישט קיין קליינע, כאָטש דו רופסט זי נאָך אַלץ אַזוי; זי איז גרויס און שיין. וועסט זי זיכער נישט דערקענען. (זשאַנעט ברענגט אַריין טיי) ווייסט, פראַנסואַ, איך בין געווען זיכער, אַז דו וועסט היינט קומען צו אונז!

פראַנסואַ:

מיט וואָס ביסטו דאָס געווען אַזוי זיכער?

זשאַקלין:

קאָלעט איז דאָך שטענדיק געווען דיין ליבלינג.

פראַנסואַ:

אמת. אָבער אויך דאָס וואָלט מיך נישט געבראַכט אַהער. איך האָב פּשוט אויפגעציטערט, ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אַז איר זענט שולדיק אינם טויט פון דער פאַמיליע ראָזען. זיי זיינען דאָך געווען

אייערע גוטע פריינט, זייער גאַנץ פאַרמעגן האָבן זיי אייך אָנגעטרויט, און דאָך האָט איר זיי אַרויסגעגעבן צו דער געסטאַפּאָ! ווער וואָלט דאָס געגלויבט, אַז איר קענט אָפּטון אַזאַ שווידערלעך פאַרברעכן!

עדואַר:

גלויב מיר פראַנסואַ, אַז מיין געוויסן פייניקט מיך כסדר צוליב דעם. איך פיל מיך אָפּט אַזוי געפאַלן, אַזוי צעבראָכן!...

זשאַקלין:

מיר זענען, ליידער, דעמאָלט פאַרפירט געוואָרן פון נאַצישע שכנים. נאָר לאָמיר דאָס פאַרגעסן. (אַביסל אומגעדולדיק) עס קען דאָך זער געמאָלט זיין, אַז אויך אָן אונזער אַריינמישן זיך וואָלט מען זיי גע־כאַפּט און דערמאָרדעט! וויפיל יידן האָבן די נאַציס אומגעבראַכט אין אייראָפּע? (ווייכער) ס'טוט מיר נאָר באַנג אויפן קינד. צוויי יאָר איז עס אַלט געווען, און די רוצחים האָבן עס אויך מיטגעשלעפּט...

פראַנסואַ:

איך ווייס, אַז איר האָט חרטה אויף אייערע זינד. מיינט נישט, אַז איך האָב די גאַנצע צייט זיך נישט אינטערעסירט מיט אייך. ס'איז מיר באַ־קאַנט, אַז איר האָט אין געהיים געשטיצט די ווידערשטאַנד־באַוועגונג מיט געלט, און אַז זינט דער באַפרייאונג האָט איר געטון פיל טובות די דעפּאָרטירטע יידן, וואָס זענען צוריקגעקומען. מען האָט מיר אויך איבערגעגעבן, אַז איר האָט געשטיצט מיט אַ סך געלט די יתומים־הייזער.

זשאַקלין:

יאָ; איין יתומל האָבן מיר אַפילו אַדאָפּטירט.

פראַנסואַ:

אויך דאָס איז מיר באַקאַנט. דאַכט זיך, ער הייסט זשילבערט? אַ באַחנט ייִנגעלע. כ'פלעג אים אָפּט זען אין יתומים־הויז. ווי גייט עס אים דאָ אין זיין נייער היים?

זשאקלין:

אָ ברודער טייערער, פרעג גאָרנישט. מיר האָבן אים אַלע אַזוי ליב...

פּראַנסוא:

איך פאַרשטיי, אַז עס פעלט אים דאָ גאָרנישט. און איצט וויל איך אייך זאָגן, אַז דערוויסנדיק זיך וועגן אייערע גוטע מעשים, האָב איך באַ־שלאָסן איבערצורייסן מיט אייך דעם ברוגז און קומען אַהער.

(ס׳עפנט זיך די טיר פון לינקס און **זשאַק** קומט אַריין)

זשאַק:

אָ, וועמען זע איך דאָ! אַן אומגעבעטענעם, איך מיין אַן איבערגע־בעטענעם גאַסט... וואָס מאַכסטו, פאַסטאָר פּראַנסוא?

פּראַנסוא:

אַ דאַנק, זייער גוט. ווי איך זע, ביסטו נאָך אַלץ דער זעלבער לץ! (צו זשאַקלין) צו וואָס האָסטו אים איינגעלאַדן?

זשאַקלין:

(שמייכלט)

ער איז דאָך אונזער קוזין!

זשאַק:

איך וועל היינט זיין דער טאָאַסט־מייסטער! אַלעמען וועל איך אויס־רופן אַחוץ דיך, פּראַנסוא.

(ס׳הערט זיך אַ קלאַפּ אין דער מיטלסטער טיר, און **ראָבערט** קומט אַריין. ער גריסט אַלעמען)

עדואַר:

דאָס איז מיין שוואָגער, פאַסטאָר פּראַנסוא.

(זיי באַגריסן זיך)

זשאַקלין:

איר זענט זיכער געקומען זען קאָלעטן?

ראָבערט:

איצט בין איך געקומען אייך זען, מאַדאַם און מוסיע דעוורי.

עדואַר:

(דערשטוינט)
אונז גאָר? ווענגן וואָס?

ראָבערט:

קאָלעט האָט מיר דערציילט, אַז איר ווילט זי זאָל חתונה האָבן מיט מארסעלן.

זשאַקלין:

יאָ, דאָס איז אמת.

ראָבערט:

איר ווייסט אָבער זער גוט, אַז קאָלעט האָט מיך ליב, נישט מאַרסעלן! אפשר קענט איר מיר זאָגן פאַרוואָס זענט איר קעגן מיר? וואָס איי־גנטלעך האָט איר מיר פאָרצואוואַרפן? איך לייקן נישט, אַז מאַרסעל איז רייכער פון מיר. נאָר, גלויבט מיר, אייער טאָכטער וועט זיך פילן אַ סך גליקלעכער מיט מיר ווי מיט אים!

זשאַקלין:

דאָס קען מען קיינמאָל נישט וויסן. ער איז אַ פילפאַכער מיליאָנער, און מיר האָפן, אַז קאָלעט וועט זיין גליקלעך מיט אים, ווייל זי ליבט אים און שאַצט אים.

ראָבערט:

יאָ, אָבער נאָר אַלס פריינט. קאָלעט אַליין האָט מיר דערקלערט, אַז ווען איר זאָלט נאָר געבן אייער הסכמה, וואָלט זי חתונה געהאַט מיט מיר.

עדואַר:

דאָס קען זיין. הער מיך אָבער אויס, ראָבערט. דו ווייסט מיין באַציאונג

צו דיר. דער אמת איז, אַז קאָלעט האָט אייך ביידן ליב, און קען זיך נישט אַנטשליסן וואָס צו טון. זי האָט מיט אונז אָפט גערעדט וועגן דעם און געוואָלט הערן אונזער מיינונג. מיר, טאַטע־מאַמע, ווילן אַז אונזער טאָכטער זאָל לעבן אין לוקסוס און רייכטום — אַלע עלטערן האָבן שוין אַזאַ שוואַכקייט — און מיר האָבן איר געראָטען אויסקלויבן מארסעלן.

ראָבערט:

יאָ, לוקסוס, רייכטום. ווען וועט די וועלט שוין אויפהערן זיך בוקן פאַר מאמאן דעם געלט־גאָט ?!

זשאַק:

אויף געלט שטייט די וועלט — אַלע בוקן זיך צום גאָלדענעם קאַלב...

ראָבערט:

הייסט עס, אַז איר האָט שוין געגעבן אייער הסכמה ?

עדואַר:

יאָ, ראָבערט. און הייַנט איז טאַקע זייערע תנאים ! (ווייזט אים אויפן טישל מיט בלומען) אָט זענען די בלומען, וועלכע זי האָט נאָר וואָס באַקומען צו אירע תנאים.

זשאַק:

יאָ, גוטער ברודער, אַביסעלע צו שפּעט, אָבער עס מאַכט נישט אויס— תנאים איז נאָך נישט חתונה !

ראָבערט:

עס וואונדערט מיך וואָס קאָלעט האָט מיר גאָרנישט דערציילט.

פראַנסואַ:

דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך : זי האָט דיר נישט געוואָלט פאַרשאַפן קיין עגמת־נפש.

זשאקלין:

(פריינטלעך)
דו דאַרפסט אַרויסווייזן דיין אמתע פריינטשאַפט און קומען איר ווינטשן גליק.

זשאק:

ראָבערט, זיי נישט קיין יאָלד, קום אַריין, זיי אַ מענטש!

עדואר:

איך ווייס, ראָבערט, אַז דו האָסט אַן אײדעלען כאַראַקטער. מאַך זשע איר די איבעראַשונג. גלויב מיר, אַז זי וועט זיך פילן זער גליקלעך צו זען דיך היינט אויף דער שמחה.

ראבערט:

יאָ, איר זייט גערעכט: איך וועל באַלד צוריקקומען. אָ רעוואואר!
(גייט אַוועק)

זשאק:

זעטס נאָר ווי ער לאָזט זיך בעטן. אַמאָל, נישט היינט געדאַכט, בין איך אויך געווען אַזאַ נאַר... (זינגט זיך אונטער) „אוי, כלה, כלה, שטייסט היינט העכער פאַר אונז אַלע".

פראנסוא:

דער בחור האָט געמאַכט אויף מיר זער אַ גוטן איינדרוק.

עדואר:

יאָ. איך האָב באמת מיטלייד מיט אים. ער ליבט קאָלעטן מיטן גאַנצן האַרצן און וואָלט פאַר איר געגאַנגען אין פייער און אין וואַסער אַריין.

זשאקלין:

טאָרסט אָבער נישט פאַרגעסן, אַז מאַרסעל ליבט זי אויך זער שטאַרק און רייכטום איז אויך עפּעס ווערט.

עדואר:

(בייזלעך)

רייכטום, רייכטום! עס זענען פֿאַראַן מענטשן מיט אַסך געלט און דאָס געלט שטיקט זיי און פֿאַרשאַפֿט זיי יסורים, אַז זיי וואָלטן גע־וואָלט פּטור ווערן דערפֿון.

זשאַקלין:

עדואר, הויבסט שוין ווידער אָן?!

זשאַק:

אָט אַזוי, קריגט זיך אַביסל, קריגט זיך, זאָל זיין לעבעדיק.

עדואר:

דאָס געלט האָט מיך שוין איינמאָל בלינד געמאַכט.

זשאַנעט:

(קומט אַריין)

מען רופֿט דעם הער צום טעלעפֿאָן.

(גייט צוריק אַרויס)

פֿראַנסוא:

עס איז שוין צו שפּעט דעריבער צו דיסקוטירן, איר האָט דאָך שוין געגעבן אייער הסכמה.

עדואר:

אַנטשולדיקט מיר אויף אַ ווײַלע, כ׳מוז גיין צום טעלעפֿאָן.

(גייט אַפּ)

פֿראַנסוא:

מיין נישט, אַז ער איז אומגערעכט: געלט איז נאָך נישט אַלץ.

זשאַקלין:

מסכּים. אָבער עדוארס געשעפֿטן גייען לעצטנס נישט אַזוי גלענצנד.

ווייל איך, אַז קאָלעט זאָל כאָטש זיין מאַטעריעל פאַרזאָרגט; איך בין דאָך אַ מאַמע!

פראַנסואַ:

זאָג מיר, איך בעט דיך, קאָלעט אַליין האָט גאָרנישט געזאָגט ווער ס'איז איר מער צום האַרצן?

זשאַקלין:

קאָלעט איז אַ קינד, וואָס לאָזט זיך בייגן. ווען איך האָב מיט איר גע־רעדט, האָט זי מיר געגעבן רעכט; ווען עדואַר האָט מיט איר גע־רעדט, האָט זי איינגעשטימט מיט אים.

זשאַק:

איך וואָלט זי חתונה געמאַכט מיט ביידן. דאָס וואָלט געווען אַן אויס־געצייכנטער פּלאַן. שטעל זיך פאָר, פראַנסואַ, ווען מיין ווייב וואָלט געהאַט נאָך אַ מאַן, וואָלט זי דאָך מורא געהאַט דאָס מויל אויפצו־מאַכן...

פראַנסואַ:

זשאַק, הער שוין אויף מיט דיינע ליצנות!

זשאַקלין:

מיין ליבער ברודער, כ'וויל טאַקע רעדן מיט דיר וועגן עדוארן. לעצטנס טוט ער גאָרנישט, ווייל נישט הערן פון קיין שום געשעפטן. ער האָט זיך עפּעס אַריינגענומען אַזעלכע מאָדנע געדאַנקען אין קאָפּ: גייסטער, זאָגט ער, פאַרפאָלגן אים. יעדעס מאָל, ווען ער מאַכט אַ מסחר, באַווייזן זיך פאַר אים די נשמות פון דער פאַמיליע ראָזען, און צוליב דעם, רעדט ער זיך איין, ליידט ער גרויסע היזקות... אפשר וואָלסטו מיר געקענט העלפן אַרויסצושלאָגן אים אָט דאָס משוגעת פון קאָפּ. אַנישט, בין איך פאַרלוירן. ער שלאָפט נישט גאַנצע נעכט, דאָס לעבן ווערט מיר פשוט אומדערטרעגלעך; נישט איינמאָל האָב איך שוין געוואָלט מאַכן אַ סוף מיט מיר.

פראַנסוא:

אַ סוף מאַכן צו דיין לעבן?! וואָס ביסטו שולדיק?

זשאַקלין:

ער האַלט מיר אין איין פאַרוואַרפן, אַז איך האָב אים צוגערעדט דערצו.

פראַנסוא:

וואָס? דו האָסט אים צוגערעדט דערצו?! אויב אַזוי, איז ער דאָך גערעכט וואָס ער מאַכט דיר פאָרוואורפן...

זשאַקלין:

איך האָב דיר שוין דערקלערט, אַז אונז האָבן פאַרפירט נאַצי־פריינט. נאָר, איך בעט דיך, פאַרגרעסער מיר נישט מיינע שמערצן. אויב דו וועסט מיר נישט העלפן, פראַנסוא, וועל איך מיר דאָס לעבן נעמען. ווייטער אַזוי לעבן קען איך נישט. איך האָב געלייגט מיין גאַנצע האָפנונג אויף דיין היינטיקן וויזיט.

פראַנסוא:

זאָג מיר, איך בעט דיך, האָט עס עפּעס נישט קיין שייכות מיט עדמונדס טויט?

זשאַקלין:

יאָ. ווייל אין דעם זעלבן טאָג, ווען די געסטאַפּאָ האָט זיך דערוואוסט וואו די ראָזענס זענען, האָבן מיר פאַרלוירן אונזער איינציקן זון עדמונד. יענעם אַוונט האָט ער געהאַט אַ געהיימע זיצונג מיט נאָך צוויי חברים, און איינער פון זיי איז געווען אַ פּראָוואָקאַטאָר. די געסטאַפּאָ־לייט זענען אַריינגעקומען און האָבן עדמונדן און דעם צווייטן דערהרגעט אויפן אָרט; דעם מסור האָבן זיי מיטגענומען מיט זיך.

פראַנסוא:

פאַראַט, ווי? איר האָט זיי פאַראַטן, אַנדערע האָבן אייער זון פאַראַטן: פאַראַט און פּראָוואָקאַציע... פּראָוואָקאַציע און פאַראַט!

זשאקלין:

יאָ, עדואר האָט טאַקע באַלד דערנאָך געזאָגט, אַז דאָס איז גאָטס שטראָף פאַר די ראָזענס, און פון דעמאָלט אָן לאָזט עס אונז נישט רוען. ווען איך קוק אויף עדמונדס בילד, ציטערן אין מיר אַלע אברים. איך פיל, אַז מיר זענען שולדיק אין זיין אומקום. איך בעט דיך, פראנסוא, העלף מיר.

פראַנסוא:

באַרואיק זיך, שוועסטער, באַרואיק זיך. נאָר ווער ווייסט צי איך וועל קענען העלפן מיט עפּעס. (עדואַר קומט) זשאקלין, דו האָלסט מיך שוין דאָ אַ לאַנגע צייט און איך האָב נאָך אַלץ נישט געזען די כלה. איך בין זער בייגעריק אָנצוקוקן זי.

זשאקלין:

ביסט גערעכט. כ׳גיי טאַקע אַריינשיקן קאָלעטן.

זשאק:

איך גיי מיט. ווייסט מיר געני איבערגעבן דעם פראָגראַם און דער־ווייל וועל איך עפּעס אַ נאַש טון.
(ביידע אָפּ)

פראַנסוא:

(צו עדואַרן)
ווי איך זע האָסטו געוואָלט, אַז קאָלעט זאָל ווערן ראָבערטס כלה.

עדואר:

יאָ. נאָר הער מיך אויס, פראנסוא. איך ווייס, אַז ראָבערט איז נישט אַזוי פאַרמעגלעך, ווי מאַרסעל. אָבער דאָס, וואָס ער פאַרמאָגט, איז אים ערלעך אָנגעקומען. ער האָט זיך דערוואָרבן אָן ערלעכן פראַנק דורך שווער אַרבעטן. דאַקעגן מאַרסעלס עשירות איז נאָר אַ ירושה פון פאָטער.

פראנסוא:

וואָס, דער פאָטער זיינער לעבט שוין נישט?

עדואר:

ניין. וואָלט זיין פאָטער היינט געלעבט, וואָלט מען אים געוויס פאַר־אורטיילט פאַר מיטאַרבעטן מיט די נאַציס בעת דער אָקופּאַציע און דאָס געלט זיינס איז דורכגעוויקט מיט מענטשלעך בלוט. איצט פאַר־שטייסטו מיך שוין? מיט אַזאַ געלט קען מען זיך נישט פילן גליקלעך!

פראנסוא:

און דערפאַר ביסטו געווען דאַקעגן?

עדואר:

יאָ; כאָטש מאַרסעל איז אויך אַ גאַנץ וואוילער בחור, און האָט אַ גוטן נאָמען. אָבער איך בין זיכער, אַז קאָלעט וואָלט זיך געפילט גליקלע־כער מיט ראָבערטן. זי אַליין האָט מיר דערקלערט, אַז ראָבערט איז איר ליבער.

פראנסוא:

טאָ פאַרוואָס האָסטו געגעבן דיין הסכמה צו די תנאים?

עדואר:

צוליב דיין שוועסטער. גאַנצע טעג האָבן מיר זיך געהאַלטן אין איין קריגן. קאָלעטן האָט זי געהאַלטן אין איין סטראַשען, אַז אויב זי וועט ווערן ראָבערטס כלה, וועט זי זיך דאָס לעבן נעמען. צוויי וואָכן האָט זשאַקלין אין גאַנצן נישט גערעדט צו מיר. איך האָב געזען, אַז עס נעמט נישט קיין סוף, האָב איך באַשלאָסן צו געבן מיין צושטימונג, אָבער אין דער אמתן בין איך אויך איצט דאַקעגן. גלויב מיר, פראַנ־סוא, אַז איך וועל דאָס דיין שוועסטער קיינמאָל נישט שענקען. טייל־מאָל פיל איך, אַז איך בין איר אַ דם־שונא. דאַרפסט אויך וויסן, אַז מאַרסעלס פאָטער איז געווען מיין בלוטיקער שונא. פראַנסוא, איך האָב דאָס געפיל, אַז אַפילו נאָך די תנאים וועל איך קעמפן קעגן דעם

שידוך, ווען דאָס זאָל אַפילו קאָסטן מיין לעבן אָדער זשאַקלינס לעבן.

פראַנסוא:

דו רעדסט שוין נאַרישקייטן.

עדואַר:

איך מיין עס ערנסט, פראַנסוא. זשאַקלין דערלויבט זיך שוין צופיל אויסצונוצן מיינע שוואַכקייטן. אָפטמאָל ברענגט זי מיך אַרויס פון געדולד. טייל מאָל רעגט זי מיך אַזוי אויף, אַז איך בין פשוט גרייט זי צו דערהרגענען. פראַנסוא, איך בעט דיך, העלף מיר. עס איז נאָך נישט צו שפּעט. אַפילו איצט קען מען נאָך מאַכן, אַז קאָלעט זאָל זיך פאַרלאָבן מיט ראָבערטן. רעד מיט זשאַקלין, זע אַז זי זאָל צושטימען.

פראַנסוא:

עדואַר, וואָס רעדסטו? פאַרשטייסט דאָך אַליין, אַז איצט איז שוין צו שפּעט. מען קען דאָך נישט אַזוי פאַרשעמען מארסעלן. ער איז דאָך אודאי נישט שולדיק. אויך זשאַקלין איז דאָך נישט אויסן עפּעס אַנדערש ווי נאָר קאָלעטס גליק, אַזוי, ווי זי פאַרשטייט עס. זי ווייסט, אַז דיינע געשעפטן גייען לעצטנס שלעכט...

עדואַר:

דאָס איז ליידער אַזוי. אָבער איך בין נאָך גענוג פאַרמעגלעך צו פאַרזאָרגן קאָלעטן. אויך ראָבערט, ווי דו האָסט שוין געהערט, איז נישט קיין אָרימאַן; ער האָט אַביסל געלט און זיינע געשעפטן גייען גאַנץ גוט.

פראַנסוא:

ווייסט, עדואַר, וואָס לענגער איך רעד מיט דיר, אַלץ שווערער ווערט מיר צו פאַרשטיין ווי אַזוי דו האָסט געקענט צוליב געלט...

עדואַר:

(האַקט אים איבער די רייד)

איך בעט דיך, פראַנסוא, מאַך מיר נישט קיין פאָרוואורפן. גלויב מיר,

אַז איך האָב געמיינט טאַקע מיך אַליין, ווען איך האָב געזאָגט: „מען קען האָבן געלט און דאָס געלט זאָל שטיקן"... פאַרגעס אויך נישט, אַז אין דעם זעלביקן טאָג ווען די געסטאַפּאָ האָט פאַרשלעפּט די ראַזענס, האָב איך מיין איינציקן זון פאַרלוירן אויך דורך פאַראַט. האָסט דערמאָנט, אַז די ראָזענס האָבן מיר אָנגעטרויט זייער גאַנץ האָב און גוטס. דאָס איז דער ביטערער אמת. הלואי וואָלטן זיי עס מיר נישט אָנגעטרויט! זער מעגלעך, אַז זיי וואָלטן נאָך איצט געלעבט; און אפשר עדמונד אויך. דאָס, וואָס האָט מיך געטראָפן, איז זיכער אַ שטראָף פון גאָט. אַחוץ דעם, פראַנסואַ, האָט דיין שוועסטער אויך אַ גרויסן חלק דערין...

פראַנסואַ:

איך בין זער צופרידן, עדואַר, וואָס איך געפין זיך היינט ביי דיר אין הויז.

עדואַר:

גלויב מיר, אַז איך טו אַלץ, וואָס לאָזט זיך, כדי אָפּצואוואַשן דעם שמוציקן פלעק פון מיין געוויסן. קיינער, אויסער דיר, ווייסט נישט וויפל איך טו.

פראַנסואַ:

יאָ, דאָס לעבן ווערט זער שווער, ווען מען האָט עפּעס אויפן געוויסן.

עדואַר:

(קוקנדיק אויף עדמונדס בילד)

טיילמאָל, ווען איך קוק אויף זיין בילד, מערק איך אין זיינע בליקן אַ פאַרביטערונג, אַ האַס. אָפּט דאַכט זיך מיר, אַז איך הער זיין געשריי: „מערדער, פאַרוואָס האָסטו דיינע בעסטע פריינט פאַראַטן?! אויך איך בין אַ קרבן פון פאַראַט!" פראַנסואַ, דו, אַלס גייסטלעכער, וועסט זיכער פאַרשטיין וואָס עס טוט זיך ביי מיר אין האַרצן.

פראַנסואַ:

(פאַטערלעך)

איך פאַרשטיי, געוויס פאַרשטיי איך.



דאָס געוויסן פּלאַגט

עדואר:

גלייך נאָך דער באַפרייאונג, ווען איך האָב געהערט, אַז אַ סך יידן האָבן זיך געראַטעוועט, בין איך אַוועק צום ראַבינער, אים אַלץ דער־ציילט און געבעטן, אַז ער זאָל דערוויל נעמען ביי מיר הונדערט טויזנט פראַנק פאַר די צוריקגעקומענע דעפּאָרטירטע. מיין אמתן נאָ־מען, פאַרשטייט זיך, האָב איך אים נישט אויסגעזאָגט.

פראַנסוא:

ער האָט עס, מן־הסתם, נישט געוואָלט אָננעמען, ווי ?

עדואר:

אַזוי איז טאַקע געווען. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען דאָס געלט און מיך געראַטן זיך מעלדן צו דער פּאָליציי, אָבער איך האָב עס נישט געקענט טון, ווייל איך וואָלט דערמיט געבראַכט אַ שאַנד־פלעק אויף דער גאַנצער פאַמיליע. גלויב מיר, אַז איך האָב מיט זיך געקעמפט, און דאָך האָב איך שוין אַ סך מאָל דעם ראַבינער צוגעשיקט אַנאָנים גרעסערע סומעס געלט, כדי צו העלפן די דעפּאָרטירטע יידן. איך שרייב זיך אונטער „איזראַעל“.

פראַנסוא:

און ראַבינער מאָזעס מיינט, אַז ער באַקומט דאָס געלט פון אַ ייד ?

עדואר:

(שאָקלט צו מיטן קאָפּ)
יאָ.

פראַנסוא:

דאָס, זעסטו, עדואר, איז זער אנשטענדיק פון דיין זייט; דו האַנדלסט ווי אַן ערלעכער קריסט.

(דריקט אים די האַנט. פאַרן פענצטער באַווייזן זיך געשטאַלטן אין ווייסן, די גייסטער פון הער און פרוי ראָזען. עדואר ווערט בלאַס און הויבט אָן צו ציטערן)

עדואר:

(שטאַמלט)

פרא־פראנ־פראנ־ס-ו־א!

פראנסוא:

(דערשטוינט)

וואָס איז מיט דיר? וואָס ציטערסטו?

עדואר:

(ווייזט)

זע, זע, מוסיע און מאַדאַם ראָזען!

(אָבער איידער פראנסוא האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, זענען שוין די גייסטער פאַרשוואונדן)

פראנסוא:

(באַרויִקט אים)

באַרויִק זיך, באַרויִק זיך, איך זע גאָרנישט.

עדואר:

אָ, דאָס איז אַ שלעכטער סימן, פראנסוא. תמיד, ווען איך זע זיי, האָב איך אַ געפיל, אַז אַן אומגליק וועט געשען.

פראנסוא:

דו זעסט זיי, ווייל דו טראַכסט וועגן זיי. באַרויִק זיך.

עדואר:

אָ, ניין, עס איז נישט מעגלעך. ערשט יענע וואָך האָב איך זיי געזען, כאָטש איך האָב גאָרנישט געטראַכט וועגן זיי. אין דעם זעלבן טאָג האָב איך געקויפט אַקציעס פאַר אַ גרויסער סומע געלט, און גלייך נאָך דער קניה האָט מען מיר אָנגעבאָטן אַ שיינעם ריוח. אין אָוונט, זיצנדיק אין שטוב אַ צופרידענער פון דעם געשעפט, האָב איך זיי דערזען. באַלד האָב איך דערפילט, אַז עפּעס וועט געשען. צומאָרגנס האָב איך

טאַקע פאַרלוירן נישט נאָר דעם ריוח, נאָר אַפילו אַ סך פון דעם קרן.

פראַנסואַ:

נו, איז וואָס? אַזאַ זאַך איז דאָך נישט קיין נייעס. פּונקט אַזוי ווי אַק־ציעס קענען שטייגן, קענען זיי פאַלן. ס'האָט נאָך קיינמאָל פריער נישט פּאַסירט אַזאַ פאַל?

עדואַר:

כ'ווייס, דו ווילסט מיך באַרואיקן. זער שיין פון דיין זייט, אָבער איך קען מיך נישט באַפרייען פון דעם פאַרגעפיל, אַז אויף מיר לויערט אַן אומגליק...

פראַנסואַ:

טראַכט נישט דערפון. ביי דיין טאַכטער איז דאָך היינט תנאים! פריי זיך און טראַכט נישט וועגן קיין אַקציעס.

(ס'עפנט זיך די טיר, און מען זעט קאַלעטן האַלטנדיק זשילבערטן ביי דער האַנט. ער איז אָנגעטון אין זיין נייעם אנצוג)

קאַלעט:

(באַגריסט זיך מיטן אָנקעל)

אנקל, עס פריידט מיך זער וואָס דו ביסט געקומען אויף מיין פאַר־לאָבונג.

פראַנסואַ:

מיך פריידט עס אויך, מיין קינד. און דאָס איז זשילבערט?

קאַלעט:

יאָ. (צו זשילבערטן) זשילבערט, דאָס איז אנקל פראַנסואַ.

עדואַר:

קום, זשילבערט.

(נעמט דאָס קינד אויף דער האַנט)

פראנסואַ:

(צו קאַלעטן)

וויסט, איך וואָלט דיך נישט דערקענט. ביסט דורך דער צייט אַזוי אויפגעוואַקסן און געוואָרן אַ סך שענער, ווי דו ביסט געווען.

קאַלעט:

(שמייכלט)

נו, איך בין דאָך עלטער געוואָרן. (צום פאַטער) פּאַפּאַ, לאָמיר אַריינ־פירן דעם אנקל אין זאַל. עס זענען שוין דאָ אייניקע געסט.

עדואַר:

קום, פראנסואַ; לאָמיר טאַקע אַריינגיין צו די געסט.

(אַלע גייען אָפּ. עס הערט זיך אַ קלונג. זשאַנעט עפנט די טיר און עס קומען אַריין זשאַן און אַדריאַן)

זשאַן:

זייט אַזוי גוט און רופט אַריין די מאַדאַם דעוורי, מעלדעט איר, אַז אַלטע באַקאַנטע ווילן זי זען.

זשאַנעט:

שוין גיי איך זי אַריינרופן. זיצט.

(זשאַנעט גייט אָפּ)

זשאַן:

ביי אַ פרוי קען מען שטענדיק מער זיך דערוויסן און מער געווינען, ווי ביי אַ מאַן.

אַדריאַן:

ס׳ווייזט אויס, אַז היינט איז דאָ עפּעס אַ שמחה.

(זשאַקלין קומט אַריין)

זשאַן:

דאָס זענט איר מאַדאַם דעוורי?

זשאקלין:

יאָ. מעג איך וויסן ווער איר זענט און וועגן וואָס איר זענט געקומען?

זשאן:

איך וועל אייך זאָגן וועגן וואָס מיר זענען געקומען, וועט איר שוין במילא וויסן ווער מיר זענען. מאַדאַם, איר האָט דאָך זיכער געהערט וועגן די פּראָצעסן, וואָס ווערן פאַרפירט קעגן פאַרשידענע נאַצי־קאָ־לאַבאָראַטאָרן?

זשאקלין:

געוויס. אָבער וואָס האָט עס מיט מיר צו טון?

זשאן:

גאָר אַ סך. מיר וויסן וואָס איר מיט אייער מאַן האָבן געטון מיט דער פאַמיליע ראָזען. איר וועט עס נישט קענען אָפּלייקענען, מאַדאַם, ווייל מיר האָבן עדות.

זשאקלין:

עדות? וואָס האָבן מיר אַזוינס געטון?

זשאן:

אַ קלייניקייט? נישט מער ווי אַרויסגעגעבן אַ יידישע פאַמיליע צו דער געסטאַפּאָ. אייער אַמאָליקער נאַצי־פריינט, הער יאָהאַן, האָט זיך פאַר זיינע פריינט באַרימט מיט דער טובה, וואָס ער האָט אייך געטון מיטן אומברענגען די ראָזענס, כדי זייער פאַרמעגן זאָל פאַרבלייבן ביי אייך.

אדריאן:

אמת. פאַר מיר אויך. — ער האָט נאָך דערביי באַמערקט, אַז ער האָט עס ספּעציעל געטון פאַר אייך, ווייל איר זענט אַ רייצנדע פרוי־

זשאַן:

(באַטראַכטנדיק זשאַקלין)

מען קען נישט זאָגן, אַז דער הער יאָהאַן האָט געהאַט אַ שלעכטן גע־שמאַק.

זשאַקלין:

איך וויל הערן וואָס איר האָט בדעה צו טון?

זשאַן:

טון? מיר ווילן גאָרנישט טון. מיר ווילן בלויז זיין שותפים צום פאַר־מעגן, וואָס איר האָט צוגענומען ביי די ראָזענס.

זשאַקלין:

וואָס? אַזעלכעס קען קיינמאָל נישט זיין! ווי איך זע, ווילט איר עפּעס געלט. גוט. אָבער היינט איז מיין טאָכטערס תנאים, האָב איך נישט קיין צייט צו שמועסן מיט אייך וועגן דעם ענין. קומט אַריין מאָרגן אין דער פרי, ווען מיין מאַן איז נישטאָ אין דער היים. ער דאַרף נישט וויסן דערפון.

זשאַן:

(וואויל־יונגעריש)

מיר האָבן נישט וואָס צו קומען צו אייך. פאַרגעסט נישט, מאַדאַם, אַז אייער לעבן און אייער מאַנס לעבן ליגן אין אונזערע הענט... איר וועט אַזוי גוט זיין און קומען צו מיר אין האָטעל, מאָרגן אַזייגער פיר נאָכמיטאָג. מיין נאָמען איז זשאַן אבעל, כ׳וואוין אין האָטעל פּאַרי, צי־מער נומער 17.

זשאַקלין:

וואָס?! איך — צו אייך אין אַ האָטעל!

זשאַן:

יאָ, מאַדאַם. און קומט נישט מיט ליידיקע הענט. וויניקסטנס זאָלט איר

מיטברענגען אַ הונדערט טויזנט פראַנק. געדענקט, וואָס פאַר אַ סקאַנ־דאַל און בושה מיר קענען אייך פאַרשאַפן. דערביי קענט איר נאָך פאַרשפּילן אייערע לעבנס... איצט וועלן מיר גיין. קום, אדריאַן. (אַרויסגייענדיק) באָן־סואַר, מאַדאַם! מיר וואַרטן אויף אייך, מאָרגן פיר אַ זייגער נאָכמיטאָג אין האָטעל פּאַריז, צימער נומער 17.
(ביידע גייען אַוועק)

זשאקלין:

(רעדט צו זיך בשעת זיי גייען אַרויס)
מיך וועט איר שוין אין אייער האָטעל נישט זען. (שפּאַנט איבערן צי־מער אויפגערעגט) איצט זע איך, אַז פאַר אַ פאַרברעכן מוז מען טייער באַצאָלן. אָבער וואָס טוט מען? וואָס פאַר אַן עצה גיט מען זיך? (וויינט. נעמט אַרויס אַ טיכעלע און ווישט זיך די אויגן. טראַכט אַ ווײַלע און נעמט ווידער רעדן צו זיך) יאָ, דאָס וועט זיין דער בעס־טער אויסוועג. נאָך היינט וועל איך באַצאָלן פאַר מיינע זינד! נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג! נאָך היינט וועל איך אַ סוף מאַכן צו מיין לעבן... לענגער וואַרטן קען מען שוין נישט.
(גייט צו צו עדמונדס בילד, טראַכט אַ ווײַלע) יאָ, עדמונד, היינט נאָך וועל איך זיין מיט דיר. (די טיר עפנט זיך, קאָלעט קומט אַריין)

קאָלעט:

מוטער, וואָס האָט פּאַסירט?! פּלוצלינג זעסטו עפּעס אַזוי מאָדנע אויס; פילסט זיך אפשר נישט גוט?

זשאקלין:

ניין, מיין קינד, עס איז מיר גאָרנישט. איך האָב זיך געפילט אַביסל שלעכט, אָבער ס'איז שוין אַריבער.

קאָלעט:

אָבער פאַרוואָס זיצסטו דאָ אַליין? קום אַריין צו די געסט, דאָרט וועסטו זיך פילן בעסער, היימלעכער.

זשאקלין:

יאָ, קינד מיינס, ביסט גערעכט. כ'גיי שוין.

קאַלעט:

גיי, מאַמאַ. איך וועל באַלד אַריינקומען. כ׳מוז מיר נאָך אַביסל צו־רעכט מאַכן די פריזור.

(זשאקלין גייט אָפּ. קאַלעט בלייבט שטיין ביים שפיגל און מאַכט זיך די פריזור. זשאנעט פירט אַריין ראָבערטן. ער טראָגט אַ בוקעט בלומען)

קאַלעט:

ראָבערט!

(זי פאַלט צו אים צו און זיי צעקושן זיך. הייסע אומאַרמונג דויערט אַ ווײַלע. מארסעל קומט דערווייל אַריין)

מארסעל:

פאַרגעסט נישט, ראָבערט, קאַלעט ווערט היינט מיין כלה.

ראָבערט:

האָב געדולד, דערווייל איז זי אין מיינע אָרעמס.

קאַלעט:

(צו ראָבערטן)

ס׳פרייד מיך אַזוי וואָס דו ביסט געקומען. איך וועל עס דיר קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

ראָבערט:

(צו מארסאלן)

זעסט? אַז דו ביסט געקומען, איז זי גאָרנישט אַזוי צופרידן. (צו קאַלעטן) **וואָס דען האָסטו געמיינט, אַז אויב נישט חתונה האָבן איז אויס פריינטשאַפט?**

מארסעל:

מיר דאַכט זיך, אַז ער גייט זיך דיר אויפסניי דערקלערן אין ליבע.

ראָבערט:

ציטער נישט, מארסעל. איך ווייס, אַז דו האָסט געוואונען... נישט דו, פאַרשטייט זיך, נאָר דיינע מיליאָנען האָבן געוואונען!

(ער לאָזט זי אַרויס פון זיינע אָרעמס. זי גייט צו צו מארסעלן. זיי צעקושן זיך. מארסעל גיט ראָבערטן די האַנט)

קאלעט:

נו, קומט, לאָמיר אַריינגיין צו די געסט.

ראָבערט:

איך גיי נישט. איך האָב אַ פּלאַן. לאָמיר זינגען עפּעס אַ פריילעכס, וועלן די געסט אַריינקומען אַהער.

מארסעל:

ער איז גערעכט. קאָלעט, הייב אָן.

(זי זינגט. דערנאָך זינגען אַלע דריי צוזאַמען, און די עלטערן מיט די געסט קומען אַריין פון אַנדערן צימער)

עדואר:

(ווענדט זיך צו די געסט)

מיינע זייער חשובע פריינט, איך האָב דאָס פאַרגעניגן אייך מיטצוטיילן, אַז מיין טאָכטער קאָלעט און מארסעל פאָנטעין זענען געוואָרן חתן־כלה!

(מארסעל נעמט אַרויס פון טאַש אַ בריליאַנטענעם רינג און טוט אָן קאָלעטן אויפן פינגער. זי דאַנקט אים און זיי צעקושן זיך. אַלע ווינטשן דעם פּאָרל גליק. עס ווערט לעבעדיק. עס קומען אַריין אַן אַרטיסט, אַן אַרטיסטקע, אַ טענצערין. זשאַק שפּילט די ראָלע פון קאָנפעראַנסיע)

זשאקלין:

(דערנענטערט זיך צווישן די געזאַנג-נומערן צו פראַנסואַ, רעדט צו אים שטילערהייט)

פראַנסואַ, וועסט מיך אַנטשולדיקן פאַר די געסט. איך פיל, אַז איך מוז זיך אָפּרוען אַ צען מינוט.

פראנסוא:

גוט, גוט. גיי אַריין צו זיך אין צימער. זאָרג נישט.
(זשאַקלין גייט אָפּ. זשאַק פירט ווייטער אָן. ער שטעלט פאַר נאָך אַן אַרטיסטקע)

עדואַר:

(צו פראנסוא)
פראנסוא, וואו איז זשאַקלין? דאַכט זיך, אַז איך האָב זי נאָר וואָס געזען רעדן מיט דיר?

פראנסוא:

זי איז ביי זיך אין צימער. זי פילט זיך זייער אָנגעשטרענגט און האָט מיך געבעטן זי צו אַנטשולדיקן פאַר די געסט.

עדואַר:

אַ, איך האָב פונקט געוואָלט אַריינגיין ברענגען סיגאַרעטן. איך גיי שוין. כ'וועל אַ קוק טון וואו זי איז.
(עדואַר גייט אָפּ. דער עולם מאַכט זיך לוסטיק און פאַרלאַנגט, אַז חתן־כלה זאָלן עפּעס זינגען. זיי זינגען. עס הערט זיך אַ גערויש. אין מיטן זינגען עפנט זשאַנעט די טיר. זי איז צע־שויבערט און שרייט היסטעריש)

זשאַנעט:

מאַדעמואַזעל קאָלעט, אַן אומגליק! אַן אומגליק!
(קאָלעט רייסט איבער דאָס זינגען)

קאָלעט:

(דערשראָקן)
וואָס איז? וואָס האָט פּאַסירט? וואָס ביסטו אַזוי צעטומלט?

זשאַנעט:

די מאַדאַם... די מאַדאַם...

קאַלעט:

וואָס? זאָג שוין! וואָס האָט פּאַסירט!

זשאַנעט:

(מיט געוויין)

די מאַדאַם איז אַראָפּגעפאַלן דורכן פענצטער. מען האָט זי געגומען אין שפּיטאָל אַריין און דעם מוסיע אַרעסטירט!

(אַלע דערשרעקן זיך)

א גאַסט:

מען האָט טאַקע געהערט עפּעס אַ גערויש.

זשאַנעט:

די מענטשן האָבן געזאָגט, אַז דער מוסיע האָט די מאַדאַם אַראָפּגע־וואָרפן דורכן פענצטער.

(קאַלעט פאַלט אין חלשות. מארסעל און ראָבערט דערכאַפּן זי. עס ווערט אַ טומל)

פראַנסואַ:

באַרואיקט זיך, באַרואיקט זיך!

פארהאנג פאלט

צווייטער אקט

פ ע ר ז א נ ע ן — (אין צווייטן אַקט)

עדואר דעוורי

קאלעט

זשוליא ווארען, אַ פרוי, 40 יאָר אַלט

קאמיעל דעמולען, אַ פּאָליציי־זשאַנדאַרם, 46 יאָר אַלט

ראבערט קאלען

זשאַק טענוויל

זשאנעט פּעין

דיבוא, עדוארס פאַרטיידיקער

הויפּט-ריכטער

פּראַקוראר

געריכטס-סעקרעטאר

געריכטס-דינער

12 געשווארענע ריכטער

זשאנדארמען

„יודע בגויים לעינינו. נקמת דם עבדיך השפוך״ . . . (תהלים ע״ט, י)

סצענע

אין געריכט. אַ גרויס צימער. רעכטס אַ טיר צום אַרויסגאַנג. לינקס אַ טיר צו דער אַרעסטאַנטן־קאַמער און אין מיטן אַ טיר צום ריכטערס צימער. פאַר דער מיטלסטער טיר אויף אַ פּאדיום שטייט אַ טיש מיט אַ פאטעל פאַרן ריכטער און צוויי שטולן פון בײדע זײטן: אײנע, רעכטס, פאַרן געריכטס־סעקרעטאַר און די צווייטע, לינקס, פאַרן פּראָקוראָר. אין אַ זײט — אַ שטול פאַר עדות. ביי דער רעכטער וואַנט שטייען שטולן פאַר די געשוואוירענע און האַרט ביי דער וואַנט אומבאַמערקט אַ שפּאַניש ווענטל. ביי דער לינקער וואַנט אַ שרייב־טיש מיט דריי שטולן — און אויך שטולן פאַר עדות. ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, זעט מען רעכטס זיצן די געשוואוירענע, ביים שרייב־טיש זיצן דיבוא און קאָלעט. ביי דער טיר נעבן דיבוא זיצט עדואר. נעבן עדוארן שטייט אַ זשאנדארם. ביים מיטלסטן טיש זיצט, רעכטס, דער געריכטס־סעקרעטאַר און, לינקס — דער פּראָקוראָר. די טיר, רעכטס, עפנט זיך אויף, און עס קומט אַריין דער דינער.

דינער:

(בלייבט שטיין ביי דער טיר)

ביטע אויפשטיין, דער געריכטס־פּאָרזיצער קומט!

(אַלע שטעלן זיך אויף און בלייבן שטיין. דער ריכטער קומט אַריין און זעצט זיך אַנידער אויף זיין שטול. אַלע זעצן זיך אַנידער)

ריכטער:

(צום פּובליקום)

דאָס פּובליקום ווערט געבעטן זיך צו פאַרהאַלטן רואיק בשעת די גע־

ריכטס־פֿאַרהאַנדלונגען. (צום סעקרעטאַר) ביטע, לייענט פֿאַר דעם באַשולדיקונגס־אַקט.

סעקרעטאַר:

(לייענט)

אויפֿן סמך פֿון דאָקומענטן און עדות־דערקלערונגען ווערט עדואַר דעווורי באַשולדיקט אין דעם, אַז דעם 15טן יוני, עלף אַזייגער אין אָוונט, האָט ער, עדואַר דעוורי, אַרויסגעוואָרפֿן זיין פֿרוי, זשאַקלין דעוורי, דורכן פֿענצטער פֿון זיין וואוינונג אויף אוועני פּלאַנטען, נומער 20 — מיט דער כוונה זי צו דערהרגענען. אַזאַ פֿאַרברעכן ווערט געמשפּט לויטן פּאַראַגראַף 295 און 304 פֿון שטראָף־קאָדעקס.

ריכטער:

(צום אָנגעקלאָגטן)

אָנגעקלאָגטער, צי האָט איר געהערט דעם באַשולדיקונגס־אַקט? איר ווערט באַשולדיקט אין דערמאָרדן אייער פֿרוי, לויט אַ פֿריער אויסגערעכנטן פּלאַן. אנערקענט איר, אַז איר זייט שולדיק?

עדואַר:

ניין, איך בין אומשולדיק!

ריכטער:

(צום דינער)

רופֿט אַריין דעם ערשטן עדות.

דינער:

(קוקט אויפֿן צעטל, וואָס ער האַלט אין האַנט און רופֿט אויס)

מוסיע דעמולען!

(דעמולען, אָנגעטון אין אַ זשאַנדאַרם־מונדיר קומט אַריין און זעצט זיך אויף דער עדות־שטול)

ריכטער:

ביטע שווערט!

עדות:

(הויבט אויף די רעכטע האַנט)
איך שווער, אַז איך וועל אָן מורא זאָגן דעם אמת און נאָר דעם אמת און דעם גאַנצן אמת, אַזוי זאָל מיר גאָט העלפן. אמן!

ריכטער:

אייער נאָמען?

עדות:

קאמיעל דעמולען, מוסיע לע פרעזידענט.

ריכטער:

ווען זענט איר געבוירן געוואָרן?

עדות:

דעם 30סטן מערץ, 1910.

ריכטער:

וואָס איז אייער באַשעפטיקונג?

עדות:

פּאָליציי־באַאַמטער.

ריכטער:

וואָס האָט איר צו דערציילן בנוגע דעם באַשולדיקטן?

עדות:

דעם 15טן יוני, עלף אַזייגער אין אָוונט, בעת איך בין געשטאַנען אויף מיין פּאָסטן, איז פּאָרגעקומען אַ צוזאַמענגעלויף פאַרן הויז אויף אוועני פלאנטען, נומער 20. ווען איך בין צוגעקומען אַהין, האָב איך דערזען אויף דער ערד אַ פרוי אין אַ קאלוזשע בלוט. די פרוי איז שוין געווען

טויט. צווישן המון זענען געווען מענטשן, וואָס האָבן אָנגעוויזן אויפן אָנגעקלאָגטן, אַז ער איז דער מערדער. לויט זייערע דערקלערונגען איז אויסגעקומען, אַז זיי האָבן געזען ווי דער אָנגעקלאָגטער האָט אַראָפּ־געוואָרפן די פרוי דורכן פענצטער און אויף דעם סמך האָב איך אים אַרעסטירט.

ריכטער:

צי האָט דער אַרעסטירטער איך עפּעס געזאָגט אויפן וועג?

זשאנדארם:

ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז נישט שולדיק אינם טויט פון זיין פרוי, און אַז ער האָט זי שטאַרק ליב געהאַט.

ריכטער:

(ווענדט זיך צום פּראָקוראָר און פאַרטיידיקער)

האָט ווער אַ פראַגע צו שטעלן?

(פּראָקוראָר און פאַרטיידיקער שווייגן)

ריכטער:

(צום עדות)

דאָס איז אַלץ.

(דער עדות זעצט זיך אויף איינער פון די שטולן ביי דער לינקער וואַנט)

ריכטער:

(צום דינער)

רופט אַריין דעם צווייטן עדות!

דינער:

(רופט אויס)

מאַדאַם ווארען!

(עס קומט אַריין אַ מיטל־יעריקע פרוי. זי זעצט זיך אויף דער עדות־שטול)

ריכטער:

הויבט אויף אייער רעכטע האַנט און גיט אָפּ די שבועה!

פּרוי:

(זאָגט נאָך דעם ריכטער)
איך שווער ביי גאָט, אַז אָן מורא וועל איך זאָגן דעם אמת און נאָר דעם אמת. אמן!

ריכטער:

ווי הייסט איר?

עדות:

זשוליא ווארען.

ריכטער:

זענט איר פאַרהייראַט?

עדות:

יאָ, הער ריכטער.

ריכטער:

ווי אַלט זענט איר?

עדות:

פערציק יאָר, הער ריכטער.

ריכטער:

(קוקט אַריין אין די פּראָטאָקאָלן)
נאָך דעם ווי דער מאָרד איז פאָרגעקומען זענט איר צוגעלאָפן צום באַשולדיקטן און אים געוואָלט שלאָגן; איר האָט געשריגן, אַז ער איז דער מערדער. איז דאָס ריכטיק?

עדות:

ריכטיק, הער ריכטער, ריכטיק.

ריכטער:

דערציילט וואָס איר האָט געזען.

עדות:

איך בין גראד געשטאַנען אַנטקעגנאיבער דעם הויז בשעת די פּרוי איז אַראָפּגעפאַלן. איך האָב זי נאָך געזען אין דער לופטן. אָט דער מאַן (ווייזט אויפן באַשולדיקטן) איז געשטאַנען ביים פענצטער. איך האָב אים געדראָט מיט מיינע פויסטן, און ער איז גלייך אַנטלאָפן פון פענצ־טער. דער מאַן האָט זי אַראָפּגעוואָרפן.

ריכטער:

צי געדענקט איר די שעה, ווען דאָס האָט פּאַסירט?

עדות:

יאָ, הער ריכטער, עס איז געווען אַרום עלף אין אָוונט.

ריכטער:

(צום פּראָקוראָר און פּאַרטיידיקער)
ווילט איר עפּעס אַ פראַגע שטעלן?

פּארטיידיקער:

(שטעלט זיך אויף)
צי האָט איר זיי געזען ביידן צוזאַמען ביים פענצטער?

עדות:

ניין, דאָס נישט. אָבער אין מאָמענט, ווען איך האָב אַרויפגעקוקט, האָב איך אָט דעם מאַן געזען ביים פענצטער.

פאַרטיידיקער:

הייסט עס, אַז איר האָט נישט געזען ווי דער מאַן האָט זי אַראָפּגע־וואָרפן?

עדות:

ווער דען האָט עס געטון? האָב איך עס געטון?
(אין זאַל ברעכט אויס אַ געלעכטער)

ריכטער:

(צום פּובליקום)
איך בעט צו פאַרהאַלטן זיך רואיק! (קוקט אויפן פאַרטיידיקער) **צי האָט נאָך ווער אַ פראַגע צו שטעלן?** (ווען קיינער ענטפערט נישט, זעצט זיך די פרוי נעבן זשאַנדאַרם און דער ריכטער ווענדט זיך צום דינער) **רופט אַריין דעם דריטן עדות!**

קאַלעט:

(שטיל צום פאַרטיידיקער)
ווער איז די פרוי?

פאַרטיידיקער:

איך בעט אייך, זייט רואיק, מאַדמואַזעל.

דינער:

(רופט אויס)
מוסיע פאַנטען! מוסיע מאַרסעל פאַנטען!

סעקרעטאַר:

(שטעלט זיך אויף)
מוסיע מאַרסעל פאַנטען האָט צוגעשיקט אַ בריוו מיט אַ מעדיצינישער באַשטעטיקונג, אַז ער איז קראַנק און בעט מען זאָל אים באַפרייען פון עדות־זאָגן. ער שרייבט, אַז ער ווייסט סאַי ווי גאָרנישט, מחמת ער איז נישט געווען אין זעלבן צימער, וואו דאָס אומגליק איז געשען.

ריכטער:

אויך דער גייסטלעכער פראַנסואַ האָט געבעטן צו באַפרייען אים פון עדות־זאָגן, מאָטיווירנדיק זיין בקשה מיט אַזאַ דערקלערונג, אַז ער איז נישט געווען אין זעלבן צימער, און האָט גאָרנישט געזען. (צום דינער) רופט די אַנדערע עדות.

דינער:

(רופט אויס)

מוסיע קאַלען!

(ראָבערט קומט אַריין און גיט אַפּ די שבועה)

ריכטער:

אייער נאָמען?

עדות:

ראָבערט קאַלען.

ריכטער:

ווי אַלט זענט איר?

עדות:

פיר און צוואַנציק יאָר, הער ריכטער.

ריכטער:

אייער באַרוף?

עדות:

אַ סוחר.

ריכטער:

צי האָט איר עפּעס אַ שייכות צום באַשולדיקטן?

עדות:

נייך, קיין שום שייכות נישט, הער ריכטער.

ריכטער:

וואָס קענט איר אונז זאָגן וועגן דעם פאָרפאַל?

עדות:

איך בין געווען איינער פון די געסט אויף די תנאים פון דעם אָנגעקלאָגטנס טאָכטער מיט מיין פריינט מארסעל פאנטען. מיר האָבן זיך משמח געווען. איך האָב נישט באַמערקט קיין שום פרט, וואָס זאָל האָבן אַ שייכות מיטן טראַגישן פארפאל.

ריכטער:

דאָס איז אַלץ, וואָס איר האָט צו זאָגן?

עדות:

מער ווייס איך נישט, הער ריכטער.

ריכטער:

(צום פּראָקוראָר און פאַרטיידיקער)
האָט ווער פראַגן צו שטעלן דעם עדות?

פראקוראר:

איך בעט מיר דערלויבן צו שטעלן עטלעכע פראַגן.

ריכטער:

ביטע פרעגט.

פראקוראר:

איר זענט געווען פאַרליבט אין דער טאָכטער פון אָנגעקלאָגטן, נישט אמת?

עדות:

איך ליב זי נאָך איצט אויך!
(געלעכטער אין זאל)

ריכטער:

רואיק!

פּראָקוראָר:

וואָס פאַר אַ מיינונג האָט איר וועגן דעם אָנגעקלאָגטן?

עדות:

ער איז אַן ערלעכער מענטש און איך בין זיכער אין זיין אומשולד. ער האָט זיין פרוי זער ליב געהאַט.

פּראָקוראָר:

פון וואַנען ווייסט איר דאָס?

עדות:

איך פלעג אָפט אַריינקומען צו אים אין הויז.

פּראָקוראָר:

איך דאַנק אייך.

ריכטער:

(צום דינער)
רופט די אַנדערע עדות!
(הייסט ראָבערטן זיך זעצן נעבן זשאנדארם)

דינער:

(רופט)
מוסיע זשאק טענוויל!
(זשאק קומט אַריין)

ריכטער:

ביטע גיט אָפּ די שבועה!

עדות:

איך שווער, אַז איך וועל זאָגן דעם אמת און נאָר דעם אמת, אַזוי העלף מיר גאָט! אמן.

(ער בלייבט שטיין מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט. אין זאַל ווערט אַ געלעכטער. דער ריכטער קלאַפּט מיטן האַמער און שרייט)

ריכטער:

רואיק! רואיק! איך בעט נישט שטערן דעם געריכט! (צום עדות) **לאָזט אַראָפּ די האַנט!** (זשאַק לאָזט אַראָפּ די האַנט. דער ריכטער פרעגט ווידער) **ווי הייסט איר?**

עדות:

זשאַק טענעוויל, הער ריכטער.

ריכטער:

אייער עלטער?

עדות:

(באַטראַכט דעם ריכטער)

כ'מיין מיט אַ צען יאָר יונגער פון אייך, הער ריכטער.

(געלעכטער אין זאַל)

ריכטער:

(וואַרנט נאָך אַמאָל דאָס פּובליקום און ווענדט זיך אויפסניי צום עדות)

אָבער ווי אַלט זענט איר?

עדות:

זעקס און פערציק יאָר, הער ריכטער.

ריכטער:

זענט איר פֿאַרהייראַט?

עדות:

הלואי וואָלט איך נישט געווען, הער ריכטער.
(דער עולם לאַכט. דער ריכטער רופֿט צו אָרדנונג)

ריכטער:

מיט וואָס באַשעפֿטיקט איר זיך?

עדות:

מיט וואָס עס לאָזט זיך, הער ריכטער. איך בין אַ סוחר.

ריכטער:

דערציילט וואָס איר ווייסט וועגן דעם ענין.

עדות:

איך בין געווען דאָרטן אין הויז בעת די פּרוּי פֿונם אָנגעקלאָגטן איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון פֿענצטער און געבליבן טויט אויפֿן אָרט, אַזוי העלף מיר גאָט!
(ביי די לעצטע ווערטער הויבט ער אויף די האַנט ווי צו דער שבועה. דער עולם לאַכט)

ריכטער:

(רופֿט צו אָרדנונג און ווענדט זיך צום עדות)
וואָס האָט איר געטון בעת דעם פֿאַרפֿאַל?

עדות:

גענאַשט, הער ריכטער. איך בין געווען אין צווייטן צימער צווישן די געסט און דאָרט איז געווען וואָס אַ נאַש צו טון... שאָקאָלאַד, צו־קערקעס, פּונקט דאָס, וואָס איך האָב ליב. נו, האָב איך מיר אַביסל דערקוויקט דאָס האַרץ, אַזוי העלף מיר גאָט!
(געלעכטער)

ריכטער:

(צום פובליקום)

איך בעט אייך צום לעצטן מאָל זיך צו פאַרהאַלטן רואיק! אויב נישט, וועל איך זיין געצוואונגען אַרויסצובעטן דאָס פובליקום פון זאַל! (צום עדות) דאָס איז אַלץ, וואָס איר האָט צו זאָגן?

עדות:

יאָ, הער ריכטער, דאָס איז אַלץ.

ריכטער:

גוט, זעצט אייך. (צום דינער) רופט אַריין דעם לעצטן עדות.

דינער:

(רופט)

מאדמואזעל זשאנעט פעין!

(זי קומט אריין)

ריכטער:

ביטע, שווערט!

(זי גיט אָפּ די שבועה)

ריכטער:

ווי איז אייער נאָמען?

עדות:

זשאנעט פעין, הער ריכטער.

ריכטער:

ווי אַלט זענט איר?

עדות:

צוויי און צוואַנציק יאָר, הער ריכטער.

ריכטער:

וואָס זענט איר פון באַרוף?

עדות:

דינסטמיידל, הער ריכטער.

ריכטער:

וואָס קענט איר אונז איבערגעבן אין שייכות מיטן פאַרפאַל?

זשאַנעט:

איך ווייס גאָרנישט. איך בין געווען אין קיך, און פּונקט ווען איך בין פון דאָרטן אַרויס, האָב איך געזען ווי מוסיע דעוורי איז אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ. איך בין אים נאָכגעלאָפן, כדי צו זען וואָס האָט פּאַסירט. דאָס איז אַלץ וואָס איך ווייס.

ריכטער:

(צום פּראָקוראָר און פאַרטיידיקער)

צי וויל ווער פון אייך שטעלן פראַגן?

פּראָקוראָר:

יאָ. איך וואָלט אָבער פריער געוואָלט שטעלן דעם אָנגעקלאָגטן עטלעכע פראַגן.

ריכטער:

פרעגט.

פּראָקוראָר:

אין צווייטן צימער זענען דאָך געווען אייערע געסט. פאַרוואָס זענט איר פון זיי אַוועק?

עדואַר:

(שטעלט זיך אויף)

איך האָב געוואָלט אַריינברענגען ציגאַרעטן און זען ווי מיין פרוי פילט זיך.

פראקוראר:

צי איז אייער פרוי נאָך געווען אין צימער, בשעת איר זענט אַריינגע־קומען?

עדואר:

יאָ. ווען איך בין אַריינגעקומען, האָב איך געזען ווי זי בויגט זיך אַרויס פון פענצטער. נאָר איידער איך האָב זיך אַ קער געטון, איז שוין גע־ווען צו שפעט...

פראקוראר:

צי זענט איר דאַן נישט געווען אַביסל שכורלעך?

עדואר:

אַבסאָלוט נישט!

פראקוראר:

צי פלעגט איר זיך אָפט קריגן מיט אייער פרוי?

עדואר:

ניין, מיר האָבן גוט געלעבט צווישן זיך.

פראקוראר:

איך דאַנק אייך. (עדואר זעצט זיך. דער פראָקוראָר צו זשאַנעטן) צי האָט מוסיע דעוורי באמת געלעבט גוט מיט זיין פרוי, אָדער פלעגן זיי זיך שטענדיק אַרומרייסן?

זשאנעט:

זיי האָבן זיך זער ליב געהאַט.

פּראָקוראָר:

אין אַ פריערדיקער דערקלערונג האָט איר געזאָגט, אַז זיי פלעגן זיך יאָ קריגן און אַפילו צווי וואָכן נישט גערעדט צווישן זיך. איז דאָס אמת?

עדות:

יאָ. אָבער דאָס איז געשען ערשט אין די לעצטע זעקס וואָכן.

פּראָקוראָר:

ווי לאַנג האָט איר געדינט ביי זיי אײדער דער מאָרד איז געשען?

עדות:

צוויי חדשים.

פּראָקוראָר:

דאָס הייסט, אַז בלויז צוויי וואָכן האָבן זיי געלעבט גוט צווישן זיך! איך דאַנק אייך!

פאַרטיידיקער:

איך וואָלט אויך געוואָלט שטעלן דעם עדות עטלעכע פראַגן.

ריכטער:

ביטע, פרעגט.

פאַרטיידיקער:

צי האָבן זיי זיך אויך לעצטנס געקריגט, לאָמיר זאָגן, קורץ פאַר זייער טאָכטערס תנאים?

עדות:

ניין. זיי האָבן זיך שוין געהאַט איבערגעבעטן.


דער משפט

פארטיידיקער:

וואָס אייגנטלעך איז געווען די סיבה פון זייער אַרומקריגן זיך?

עדות:

די מאַדאַם האָט געוואָלט, אַז מאַדמואַזעל קאָלעט זאָל חתונה האָבן מיט מוסיע מארסעל, ווייל ער איז רייך. דער מוסיע אָבער איז געווען דאַקעגן. ער פלעגט זאָגן, אַז געלט איז נישט אַלץ, און אַז זיין טאָכ־טער וועט זיין אַ סך גליקלעכער אויב זי וועט חתונה האָבן מיט מוסיע ראָבערט. נאָר זינט דער מוסיע האָט נאָכגעגעבן, האָבן זיי זיך מער נישט געקריגט.

פארטיידיקער:

איך דאַנק אייך, מאדמואזעל.

פראקורער:

קען איך שטעלן נאָך עטלעכע פראַגן דעם אָנגעקלאָגטן?

ריכטער:

יאָ, פרעגט.

פראקורער.

מיר איז באַקאַנט, אַז איר זענט געווען צעקריגט מיטן פאָטער פון מארעסל פאנטען. איר האָט געהאָט מיט אים אַ סכסוך איבער אַ ג־ע־סערער סומע געלט. איז דאָס אמת?

עדואר:

(שטעלט זיך אויף)

יאָ, עס איז אמת. אָבער שפּעטער האָבן מיר זיך אויסגעגליכן.

פראקורער:

בשעת די פּאָליציי־אַגענטן האָבן געמאַכט אַ רעוויזיע ביי אייך אין

הויז, האָבן זיי געפונען אַ פּאַפּיר, וואָס באַשטעטיקט, אַז איר האָט מיט צוויי טעג פריער, איידער אייער פרוי איז אומגעקומען, פאַרטאָפּלט אייער און אייער פרויס לעבנס־פאַרזיכערונג. צוליב וואָס האָט איר עס געטון ?

עדואר :

ווייל דאָס געלט האָט אין די לעצטע יאָרן פאַרלוירן אַ גרויסן טייל פון זיין ווערט.

פּראָקוראָר :

אָבער פאַרוואָס האָט איר פאַרטאָפּלט אייער לעבנס־פאַרזיכערונג פּונקט צוויי טעג פאַר אייער פרויס טויט ?

פאַרטיידיקער :

(ווענדט זיך צום הויפּט־ריכטער)
איך פּראָטעסטיר ! לויט מיין מיינונג האָט דער פּראָקוראָר נישט דאָס רעכט צו שטעלן אַזאַ פראַגע. מוסיע דעוורי האָט דאָך נישט געקענט וויסן וואָס עס וועט פּאַסירן מיט צוויי טעג שפּעטער.

פּראָקוראָר :

(צום אָנגעקלאָגטן)
מיר איז אויך באַקאַנט, אַז אייער פרויס ברודער, פּאַסטאָר פראַנסואַ, איז נישט אַריינגעקומען צו אייך אין שטוב אַ לאַנגע צייט. איז דאָס אמת ?

עדואר :

אמת. אָבער וואָס האָט דאָס צו טון מיט מיין פרויס טויט ?

פּראָקוראָר :

מיט וואָס דען האָט עס צו טון ?

פאַרטיידיקער :

(צום פּראָקוראָר)

וואָס פאַר אַ שייכות קען האָבן דאָס ברוגז זיין מיט זיין שוואָגער צום טויט פון זיין פרוי?

פראָקוראָר:

(צום פאַרטיידיקער)
פאַסטאָר פראַנסוא, דער ברודער פון דער דערמאָרדעטער פרוי, האָט געבעטן, אַז מען זאָל אים באַפרייען פון עדות־זאָגן, איז דאָס אפשר נישט פאַרדעכטיקט?...

פאַרטיידיקער:

מעגלעך, אַז יאָ. אָבער כדי די זאַך זאָל נישט שלעכט פאַרשטאַנען ווערן, וויל איך אייך דערמאָנען, הער ריכטער און הערן געשוואוירענע, אַז אין זיין בריוו צום געריכט האָט פאַסטאָר פראַנסוא געענוי באַטאָנט, אַז הגם ער איז בשעתן פאַרפאַל געווען ביי זיין שוועסטער אין הויז, האָט ער זיך אָבער געפונען אין אַן אַנדער צימער און נישט באַמערקט קיין שום זאַך, וואָס זאָל קענען אויפקלערן דעם ענין. ער איז ביי זיך פעסט איבערצייגט, אַז זיין שוואָגער, דער באַשולדיקטער דעוורי, איז לחלוטין אומשולדיק אין זיין שוועסטערס טויט!

ריכטער:

איך דערקלער די פאַרהאַנדלונגען פאַר געשלאָסן. (צום אָנגעקלאָגטן) איידער איך גיב דאָס וואָרט צום פראָקוראָר, פרעג איך אייך נאָכאַמאָל, זענט איר זיך מודה אין אייער שולד?

עדואַר:

ניין, הער ריכטער, איך בין אומשולדיק.

ריכטער:

דער פראָקוראָר באַקומט דאָס וואָרט.

פראָקוראָר:

(שטעלט זיך אויף און ווענדט זיך פייערלעך צו די געשוואוירענע)

הערן געשוואוירענע, דאָס פאַרברעכן, וועגן וועלכן איר האָט אויסגע־הערט די געריכטס־פאַרהאַנדלונגען און די עדות פאַר דער באַשולדי־קונג אַפילו מצד דער פאַרטיידיקונג, האָבן בלי־ספק געשטאַרקט אייער איבערצייגונג, אַז איר האָט דאָ פאַר זיך אַ מענטשן, וואָס האָט באַ־וואוסטזיניק, מיט אַ גענוי אויסגערעכנטן פלאַן, דערמאָרדעט זיין אייגענע פרוי.

די פאַקטן זענען: ער איז געווען צעקריגט מיט זיין פרוי; געווען צעקריגט מיטן פאָטער פון זיין טאָכטערס צוקונפטיקן באַשערטן; גע־ווען צעקריגט מיט דער אומגעבערענגטער פרויס איינציקן ברודער; האָט עקשנותדיק זיך אַנטקעגנגעשטעלט, אַז זיין טאָכטער זאָל זיך פאַרלאָבן מיט זיין שונאס אַ זון; האָט אַפילו געפירט אַ ביטערן קאַמף, פיינט געהאַט און שטאַרק זיך געקריגט מיט דער דערמאָרדע־טער פרוי, וועמעס כוונה עס איז געווען נישט צו שטערן דאָס גליק פון איר טאָכטער, און האָט נאָך אַ לאַנגן קאַמף מיט איר מאַן דאָך אויסגעפירט, אַז מען זאָל שרייבן תנאים מיט מארסעלן. דער אַנגע־קלאָגטער האָט זיך געמוזט אונטערגעבן. פאַרשטייט זיך, אַז אונטערן דרוק סאַי פון דער פרוי, סאַי פון דער טאָכטער... דאָס איז אָבער געווען אַ ביטערע פיל פאַר אים, און אַלס פועל־יוצא האָט ער באַ־שלאָסן די פרוי צו דערמאָרדן, מעשה נקמה פאַר מוזן נאָכגעבן איר געגעבן ווּאונטש.

דער מאָרד איז געווען אַן אויסגערעכנטער, צוגעגרייטער און קאַלקולירטער. איר האָט געהערט פון אַן עדות, אַז קורץ פאַר דעם מאָרד האָט ער זיך איבערגעבעטן מיט זיין פרוי. ער האָט עס געטון, כדי ס׳זאָל נישט פאַלן קיין שום חשד, וואָס זאָל קענען שטערן זיין פאַרגעברייטן פלאַן. ער האָט אויך נישט פאַרגעסן צו פאַרזאָרגן זיך מיט אַ טאָפּלטער ירושה און האָט צוויי טעג פאַרן מאָרד פאַרטאָפּלט די לעבנס־פאַרזיכערונג, מכלומרשט ווייל די וואַליוטע איז געפאַלן.

ווי אַזוי איז פאַרגעקומען דער מאָרד? מיר האָבן נישט קיין גע־נויע פרטים, אָבער מיר ווייסן, אַז בעת׳ן תנאים, ווען אַלע געסט זענען געווען פאַרזאַמעלט אין איין צימער, איז די פרוי אין אַ געוויסן מאָ־מענט געווען אין אַ צווייטן צימער. דער אַנגעקלאָגטער איז אַריין אַהין, כלומרשט וועגן ציגאַרעטן. צוגערופן זיין פרוי צום פענצטער און זי אַראָפּגעוואָרפן אויף דער גאַס. גראַד זיין טאָכטערס שמחה האָט ער געהאַלטן פאַר דעם פאַסיקסטן מאָמענט אויסצונוצן די געלעגנ־הייט, כדי אומצוברענגען זיין פרוי.

קאַלעט:

(היסטעריש)

עס איז אַ ליגן! מיין פאָטער האָט עס נישט געטון!! ער איז נישט קיין מערדער!

(דער פאַרטיידיקער זוכט זי צו באַרואיקן)

פּראָקוראָר:

מענטשן, וואָס זענען געווען עדות פון דער שרעקלעכער סצענע, האָבן געזען דעם אָנגעקלאָגטן ביים פענצטער און געדראַט אים מיט געביילטע פויסטן. ער איז אַנטלאָפן און די דינסט האָט אים טאַקע געזען אַראָפּלויפנדיק די טרעפּ. מען האָט אים אָבער דערקענט און אָנגעוויזן דער פּאָליציי ווען מען זי זאָל אַרעסטירן. הערן געשוואָרענע, דער אָנגעקלאָגטער האָט דערמאָרדעט זיין פרוי... דערמאָרדעט און דערביי זיך געוואָלט באַרייכערן מיט אַ טאָפּלטע ירושה. צו אים קען מען באמת אָנווענדן די שטראָף־ווערטער פון נביא „הרצחת וגם ירשת!" איך פאָדער פאַר אים די העכסטע שטראָף — טויט־שטראָף!

ריכטער:

דער פאַרטיידיקער האָט דאָס וואָרט.

פאַרטיידיקער:

הערן געשוואָרענע, איך בין זיכער, אַז איר וועט זיך פאַרטראַכטן איבער מיינע ווערטער און איינזען זייער ריכטיקייט. לויט דעם עדות־זאָגן פון די עדות קענט איר זען, אַז יעדעס וואָרט, וואָס דער אָנגעקלאָגטער, האָט געזאָגט, שטימט אין גאַנצן מיטן אמת.

נעמט, למשל, דעם עדות זשוליא וואַרען. וואָס האָט זי געזאָגט? זי אַליין האָט געזען דעם אָנגעקלאָגטן ביים פענצטער בעת די פרוי איז אַראָפּגעפאַלן. נו, האָט דען דער אָנגעקלאָגטער אייך נישט דערקלערט, אַז ווען ער איז אַריינגעקומען אין צימער, האָט ער נאָך געזען ווי זיין פרוי בויגט זיך אַרויס פון פענצטער? שטעלט אייך פאָר, וואָס וואָלט יעדער איינער פון אייך געטון אין אַזאַ מאָמענט? צי וואָלט ער נישט צוגעלאָפן צו איר, כדי אָפּצוהאַלטן זי? און אויב עס וואָלט אייך נישט געלונגען, צי וואָלט איר נישט אַראָפּגעלאָפן אויף דער גאַס, אפשר

וועט זיך דאָך נאָך איינגעבן צו דערהאַלטן זי ביים לעבן? עס קען קיין ספק נישט זיין, אַז מיר אַלע וואָלטן פונקט אַזוי געהאַנדלט, ווען עס וואָלט פּאַסירט מיט אונז. די אַנדערע עדות האָבן צו דער באַשול־דיקונג בכלל גאָרנישט צוגעגעבן, ווייל זיי האָבן זיך נישט געפונען אין דעם צימער, וואו דאָס אומגליק האָט פּאַסירט.

די מחלוקה, מיינע הערן געשוואוירענע, אויף וועלכע דער פּראָ־קוראָר האָט זיך אַזוי ברייט אָפּגעשטעלט, איז, ווי איר האָט געהערט, פאָרגעקומען צוליב זייער טאַכטערס גליק. זאָל דאָס זיין אַ גענוגנדי־קער גרונט צו באַשולדיקן דעם אָנגעקלאָגטן אין דערמאָרדן זיין איי־גענע פרוי?

און איצט בנוגע דעם פונקט פאַרזיכערונגען. טויזנטער מענטשן פאַרגרעסערן זייערע פאַרזיכערונג. קען מען דען אויף דעם סמך בויען אַ באַשולדיקונג־אַקט? האָט דאָס דעם מינדסטן שייכות מיטן טראַ־גישן פאַרפאַל? אַ סך טון עס צוליב דער אַנטוואָרטונג פונם געלט און אַ סך — פשוט דערפאַר ווייל זיי זענען רייכער געוואָרן און קענען עס זיך דערלויבן. נו, אַז עס טרעפט זיך אַן אומגליק צוויי טעג שפּע־טער, וועט מען באַטראַכטן די זאַך פון אַ קרימינעלן שטאַנדפּונקט? חשובע געשוואוירענע, רואיק דערוואַרט איך אייער אורטייל. איר וועט נישט פאַרמשפּטן אַן אומשולדיקן מענטשן. איך בין זיכער, אַז אייער ענטפער וועט זיין: אומשולדיק!

ריכטער:

(שטעלט זיך אויף)

הערן געשוואוירענע ריכטער, איר האָט צו ענטפערן אויף דער פראַ־גע, צי האָט דער אָנגעקלאָגטער, עדוואַר דעוורי, דערהרגעט זיין פרוי, זשאַקלין דעוורי, דעם 15־טן יוני אין אָוונט דורך אַראָפּוואַרפן זי דורכן פענצטער אָדער איז עס געווען אַ צופאַל? אין ערשטן פאַל דאַרף אייער ענטפער זיין „שולדיק" און אין צווייטן פאַל — „אומשולדיק". (דער ריכטער טוט זיך אָן דעם הוט) די אָפּשטימונג מוז זיין אַ גע־היימע.

איינער:

(פון פובליקום שרייט אויס היציק)

פאַרמשפּט אים, דעם מערדער! ער איז אויך אַ פאַרעטער. זיינע

בעסטע פריינט, די פאַמיליע ראָזען, האָט ער פאַראַטן צו דער געס־טאַפּאָ. איך בין גרייט צו שווערן דערויף!

עדואַר:

(שטעלט זיך אויף)

יאָ, אמת. פאַר דעם מעגט איר מיך משפּטן, אָבער אינם טויט פון מיין פרוי בין איך נישט שולדיק.

שטימען:

(פון פובליקום)

טפו, פאַרעטער, טפו!

איינער:

(פון פובליקום)

מיין מאַן האָט מען אויך דעפּאָרטירט דורך פאַראַט פון אַ פריינט!

צווייטע:

מיין חתן איז אויך אומגעקומען, ווייל אַ שכן האָט אים פאַראַטן!

פאַרטיידיקער:

(שטעלט זיך אויף)

דערפון האָט מיין קליענט מיר גאָרנישט דערציילט. ווען יאָ, וואָלט איך מיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען די פאַרטיידיקונג.

ריכטער:

(רופט צו אָרדנונג)

איך דערקלער אַ פויזע. (צום זשאַנדאַרם) פירט אַריין דעם באַשולדיקטן אין דער אַרעסטאַנטן־קאַמער!

(ריכטער, פּראָקוראָר און געשוואָוירענע פאַרלאָזן דעם זאַל. בעת די געשוואָוירענע שטעלן זיך אויף אַרויסצוגיין, באַווייזן זיך פון הינטער דעם שפּאַנישן ווענטל די גייסטער פון הער און פרוי ראָזען. זיי מישן זיך אויס מיט די געשוואָוירענע און פאַרלאָזן צוזאַמען דעם זאַל דורך דער מיטלסטער טיר. דער

זשאַנדאַרם נעמט עדואַרן פֿאַר דער האַנט און פֿירט אים אַרויס דורך דער טיר לינקס. עדואַר קוקט אָנגעשטרענגט אויף די גייס־טער. ער גלאָצט אויף זיי און איז אויסער זיך פֿון שטוינונג און שרעק, לאָזנדיק זיך אַרויספֿירן. אין זאַל איז שטיל. (דאָ קען מען אַראָפּלאָזן דעם פֿאָרהאַנג און צוריק אויפֿהויבן איינ־קע מינוטן שפּעטער. אין טעאַטער־זאַל זאָל בלייבן טונקל בעת דער קורצער פּויזע)

זשאַק:

אַלע צרות קומען פֿון פֿרויען!

ראָבערט:

פֿאַרוואָס איז מאַרסעל נישט געקומען עדות־זאָגן?

זשאַק:

ער איז מסתּמא געווען פֿאַרנומען מיט זיינע מיליאָנען.

ראָבערט:

עס פֿאַרדריסט מיך אויף אים. ער האָט נישט ריכטיק געהאַנדלט.

זשוליא:

דער פּראָקוראָר האָט געהאַלטן אַ גלענצענדע רעדע!

זשאַנעט:

יאָ, ער האָט אַלץ אַזוי קונציק צוזאַמענגעשטעלט, פּונקט ווי ס׳וואָלט טאַקע געווען אמת...

זשוליא:

פֿון וואַנען ווייסט איר, אַז עס איז נישט אמת? איך אַליין האָב דאָך אים געזען אין פֿענצטער!

זשאַק:

וואו זייט איר דעמאָלט געווען?

זשוליא:

איך בין געשטאַנען אויף דער גאַס.

זשאק:

אַ שאָד, כ׳לעבן, וואָס איר זענט געשטאַנען אויף דער גאַס. איר ווייסט, אויב איר וואָלט געווען אין צימער, וואָלט ער ליבער אויסגעקליבן אייך אַראָפּצוואואַרפן!

זשוליא:

פאַרוואָס עפּעס מיך, וואָס פאַר אַ שלעכטס האָב איך געטון?

זשאק:

איר זענט פאַרהייראַט?

זשוליא:

זיכער!

זשאק:

טאָ הערט זשע מיך גוט אויס. ווען אייער מאַן וועט אייך אַמאָל צורופן צום פענצטער, זאָלט איר נישט גיין. עס איז אַ סכנה. איך וואָרן אייך! זייט פאָרזיכטיק, ווייל דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז אייך וועט עפּעס געשען...

זשוליא:

מיין מאַן איז שוין צו אַלט, אַז ער זאָל קענען מיך אַראָפּוואַרפן פון פענצטער!

קאַלעט:

(צום פאַרטיידיקער)

מיין אָרימער פאָטער. וואָס פאַר אַן אורטייל וועלן זיי אַרויסטראָגן אויף אים? גלויבט מיר, אַז ווען איר וואָלט געוואוסט ווי עס פּייניקט אים

זיין געוויסן און ווי ביטער ער האָט חרטה אויף זיין האַנדלונג בנוגע די ראָזענס, וואָלט איר זיכער נישט געמאַכט אייער לעצטע באַמער־קונג צו די ריכטער וועגן אָפּזאָגן זיך אַנצונעמען דעם פּראָצעס.

פּאַרטיידיקער:

באַרואיקט אייך און פאַרלירט נישט די האָפנונג.

קאַלוּעט:

יאָ, האָפנונג. היינט איז דער פּרי, בעת איך האָב גערעדט מיט אים, האָט ער מיר געהאַלטן אין איין דערציילן, אַז עס פאַרפאָלגן אים גייס־טער — די נשמות פון דער פאַמיליע ראָזען.

פּאַרטיידיקער:

אין ערגסטן פאַל וועט איר אָנגעבן אַ ביטע אויף באַגנאַדיקונג.

דינער:

ביטע אויפשטיין! דער ריכטער און די געשוואוירענע קומען!
(צוערשט גייען די געשוואוירענע, דאַן דער ריכטער און צולעצט ברענגט מען אַריין דעם אָנגעקלאָגטן)

ריכטער:

הערן געשוואוירענע, וואָס איז אייער ענטפער?

הויפּט-געשוואוירענער:

(פייערלעך)
אין הסכם מיט אונזער געוויסן און ווירדע דערקלערן מיר פאַר גאָט און פאַר לייט, אַז דער אָנגעקלאָגטער איז שולדיק. מיר זענען געקו־מען צום באַשלוס, אַז ער האָט דערמאָרדעט זיין פרוי.

ריכטער:

(שטעלט זיך אויף)
אָנגעקלאָגטער, אויפן סמך פון דעם אורטייל פון די געשוואוירענע

בנוגע אייער טאַט אין דערמאָרדן אייער אייגענע פרוי, פאַרמשפּט איך אייך צום טויט; די עקזעקוציע זאָל אויסגעפירט ווערן אויף דער גילאָטינע!

(אין זאַל ווערט אַ מהומה, קאַלעט צעוויינט זיך היסטעריש)

קאלעט:

(וויינענדיק)

ניין, עס איז אוממעגלעך, ס'איז אוממעגלעך, ער איז דאָך נישט שול־דיק!

פ א ר ה א נ ג   פ א ל ט

דריטער אקט

פ ע ר ז א נ ע ן: — (אין דריטן אַקט)

עדואר דעוורי

קאלעט

זשילבערט

פראנסוא

ראבערט

זשאק

דיבוא

א רב

שארל, א תפיסה-סעקרעטאר

זשאנדארמען

„ואהבת לרעך כמוך"
(ויקרא י"ט י"ח)

ס צ ע נ ע

אַ גרויס צימער. רעכטס אַ טיר צום אַרויסגאַנג, אין מיטן אַ טיר צום קאָרידאָר, וואו עס געפינען זיך די אַרעסטאַנטן־קאַמערן. ביי די ווענט אייניקע שטולן, אַ באַנק, לינקס ביים פראָנט אַ ביורא־טיש. אויפן טיש לינקס ליגן דיקע ביוראָ־ביכער. רעכטס שטייט אַ גלעקל. ביים טיש אַ שטול.

ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, זיצט דער תפיסה־סעקרעטאַר שארל ביים שרייב־טיש און שרייבט. אַ זשאנדארם עפנט אויף די טיר, רעכטס, און פאסטאר פראנסוא קומט אַריין.

שארל:

(שטעלט זיך אויף)

אַ גוטן־אָוונט אייך, פּאַסטאָר!

פראנסוא:

(דערנענטערט זיך)

אַ גוטן־אָוונט אייך, מוסיע שארל!

שארל:

איר זענט מסתמא געקומען זיך זען מיט אייער שוואָגער? עס איז אָבער נאָך אַביסל צו פרי.

פראנסוא:

נו, וועל איך צוואַרטן. זאָגט מיר, איך בעט אייך, איז ביי אים היינט געווען זיין אַדוואָקאַט מוסיע דיבוא?

שארל:

יאָ, ער איז דאָ געווען אינדערפרי, אַרום צען אַזייגער. נאָר ביים אַוועק־גיין האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער וועט היינט נאָכאַמאָל קומען, אַרום זיבן אין אָוונט. ער וועט זיכער באַלד קומען.

פראַנסוא:

ווי פילט זיך מיין שוואָגער אין די לעצטע טעג, איז ער זער דער־שלאָגן?

שארל:

ניין, ער פילט זיך גאָר נישקשהדיק, און זעט אויס גאַנץ מונטער.

פראַנסוא:

(שאָקלט מיטן קאָפּ)
יאָ, ער טראָגט איבער זיין ווייטיק און זיינע מאָראַלישע יסורים.

שארל:

(בעט אים זיצן)
איר ווייסט, פּאַסטאָר, אייער שוואָגער מאַכט אויף מיר אַ מערקוויר־דיקן איינדרוק: אָפטמאָל האָב איך דאָס געפיל, אַז ער איז אומשול־דיק און טיילמאָל דאַכט זיך מיר, אַז ער ליידט עפּעס פון אַ שווערן שולד־געפיל. ס׳איז פאַר מיר אויך אַ רעטעניש פאַרוואָס ער האָט נעכטן קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט דער טאָכטער אונטערצושרייבן אַ בקשה אויף באַגנאַדיקונג.

פראַנסוא:

יאָ, איך ווייס דערפון. מיר האָבן אָבער דאָך אָנגעגעבן אַ בקשה און איך, דער ברודער פון דער אומגעקומענער פרוי, האָב די בקשה אויך אונטערגעשריבן. אָבער, ווי איר זעט, מיר האָבן גאָרנישט געפועלט.

שארל:

הערט מיך אויס. היינט, ווען איך בין געווען ביי אים, כדי פאַרצולייענען

אים דעם אורטייל, ווי עס פירט זיך, און אים געמאָלדן, אַז די עקזע־קוציע וועט פאָרקומען ניין אַזייגער אין אָונט אויפן גילאָטינע־פּלאַץ, ווייסט איר וויאַזוי ער האָט אויף דעם רעאַגירט?

פראַנסוא:

מסתמא מיט אַ דערקלערונג, אַז ער איז אומשולדיק?

שארל:

דאָס, נאַטירלעך, האָבן מיר דערוואַרט. ער האָט אונז אָבער אין גאַר פריינטלעכע ווערטער געבעטן איבערצוגעבן דעם פּראָקוראָר, אַז ער איז, חלילה, נישט בייז אויף אים. להיפך, ער נעמט גאָר אָן דעם טויט־אורטייל פאַר ריכטיק.

פראַנסוא:

פאַר מיר איז עס קיין חידוש נישט. איך קען זיין כאַראַקטער. ביז צו די סאַמע לעצטע מינוטן פון זיין לעבן וועט ער זיך האַלטן מונטער און וועט אַפילו קיין ציטער נישט טון ביי דער גילאָטינע. און ווייסט איר פאַרוואָס? ווייל ער האָט געלערנט דעם סוד פון ליידן יסורים און שווייגן... זיין נשמה וועט אָן ספק אַריין אין די הימלען אָן אויסגע־לייטערטע און אַ לויטערע.

שארל:

צוליב איין זאַך מוז איך אים זער באַוואונדערן: איך בין שוין דאָ לאַנגע יאָרן, איך האָב זיך באַגעגנט מיט כלערליי צום טויט־פאַראור־טיילטע, וואָס האָבן ביז צו דער לעצטער מינוט זיך געקלאָגט אַז מ׳האָט זיי אומשולדיק פאַרמשפּט. מיר איז אָבער קיינמאָל נישט אויסגעקומען צו באַגעגענען זיך מיט אַ פאַראורטיילטן צום טויט, וואָס זאָל זיך האַלטן אַזוי רואיק און וואַרטן אויפן טויט מיט אַ געפיל פון אַ געווי־סער באַפרידיקונג. דאָס זע איך צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן.

פראַנסוא:

איר ווילט מסתמא, אַז איך זאָל אייך דערקלערן די סיבה?

שארל:

מיך אינטערעסירט זער שטאַרק די פסיכאָלאָגיע פון מענטשן, וואָס זע־נען פאַרמשפט צום טויט, און דער עיקר אינטערעסירן מיך זייערע גע־דאַנקען און געפילן אין די לעצטע שעהן פון זייער לעבן. איך בין תמיד פריינטלעך צו זיי, און טאָמער האָט דער אומגליקלעכער נישט קיין פאַמיליע, גיי איך אַליין אַריין צו אים אין דער תפיסה־קאַמער, פאַר־ברענג מיט אים, ביז עס קומט אַ פריינט אָדער דער גייסטלעכער. אָפטמאָל זאָגן זיי אַרויס טיפע און שיינע געדאַנקען. זיי באַמיען זיך צו פאַרהאַלטן רואיק, נאָר דער פחד פאַר דער עקזעקוציע וואַרפט אויף זיי אַרויף עפעס אַ נערוועזיטעט, וואָס רויבט ביי זיי צו די אינערלע־כע רו. אין דעם פרט, זעט איר, איז אייער שוואָגער אַן אויסנאַם; אַזוי ווי עס וואָלט זיך גאָרנישט געהאַנדלט וועגן זיין פערזאָן.

פראַנסואַ:

אויב מען זאָל די זאַך דערקלערן פסיכאָלאָגיש, מיין איך, אַז די אומ־רואיקייט ביי אַ פאַראורטיילטן צום טויט איז נישט קיין געפיל פון פחד, פון מורא פאַרן טויט, נאָר אַ שרעק, אַ ווידערווילן, אַ חרטה אויף דעם פאַרברעכן, וואָס ער איז באַגאַנגען. אַן אומשולדיק פאַרמשפּטער, ווידער, האָט אַ כעס און פאַרביטערונג, הלמאי ער מוז אומקומען פאַר אַ פאַרברעכן, וועלכן ער איז נישט באַגאַנגען. ביי מיין שוואָגער אָבער איז דאָס מאָראַלישע געפיל הויך אַנטוויקלט, און הגם עס קומט אים אפשר נישט די שטראָף, וואָס עס דערוואַרט אים, איז ער דאָך די שטראָף מקבל באהבה, אָבער נישט פאַר דערמאָרדן זיין פרוי, נאָר פאַר אַן אַנדער פאַרברעכן, וואָס ער איז יאָ באַגאַנגען; אַ פאַרברעכן, וואָס ער איז גרייט אָפּצוואַשן מיט זיין אייגן בלוט. צוליב דעם מערקט זיך אָט די רואיקייט און דער שלום מיטן אומפאַרמיידלעכן ביי אים.

שארל:

מערקווירדיק! מערקווירדיק!

(די טיר עפנט זיך און זשאַק קומט אַריין. ער באַגריסט זיך מיט די אַנדערע צוויי)

זשאַק:

נו, ווי פילט זיך דער בעל־תשובה?

פראַנסואַ:

נישקשה.

זשאַק:

איר׳ט שוין געזען אַזאַ שוטה? נישט געוואָלט אונטערשרייבן די ביטע אויף באַגנעדיקונג... זעקס מיליאָן יידן האָבן די נאַציס אומגעבראַכט און ער רעדט זיך איין, אַז אין דעם טויט פון די ראָזענס איז שולדיק ער, נישט די געסטאַפּאָ! איר׳ט שוין געהערט אַזאַ אומזין?

פראַנסואַ:

רעג דיך נישט אַזוי אויף, זשאַק. זעסט דאָך אַז מיר האָבן סײַ ווי אָנגעגעבן די ביטע, קאָלעט און איך האָבן זי אונטערגעשריבן, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן.

(זשאַק שפּאַצירט נערוועז איבערן צימער הין און צוריק, און לסוף ווענדט ער זיך צו שאַרל)

זשאַק:

אפשר וואָלט איר אײַנגעזעצט אין תפיסה מײַן אַלטע שוויגער? זי וויל מיך דווקא באַגראָבן לעבעדיקערהייט!

(שאַרל לאַכט)

פראַנסואַ:

ער, זעט איר, איז דער לץ אין אונזער משפחה און טאָמער ווערט אײַך אַמאָל אַביסל זויער אויפן האַרצן, קען ער אײַך אויפהייטערן מיט זײַנע וויצן. אַן עכטער וויצלינג.

שאַרל:

אַ מענטשן מיט אַזאַ כאַראַקטער מעג מען טאַקע מקנא זײַן!

זשאַק:

טאָמער זענט איר אויפגעלייגט צו הערן, וועל איך אײַך דערציילן אַן עכט יידישן וויץ. ביי די יידן איז אַ מנהג, אַז די זין זאָגן קדיש נאָך

זייערע פאַרשטאָרבענע עלטערן, כדי צו ברענגען דעם פאָטער אָדער די מוטער גלייך אין גן־עדן אַריין. האָט אַ רב אַמאָל באַגעגנט אַ יידישן בחור, וואָס זיינע עלטערן זענען אים געשטאָרבן און ער האָט נישט געזאָגט קיין קדיש נאָך דער מוטער. פרעגט אים דער רב, פאַרוואָס נאָכן פאָטער האָסטו געזאָגט קדיש און נאָך דער מוטער ווילסטו קיין קדיש נישט זאָגן? ענטפערט אים דער בחור: אַזוי ווי מיין פאָטער געפינט זיך אין גן־עדן, וויל איך נישט, אַז די מוטער זאָל אויך אַהינקומען. זיי האָבן זיך גענוג אָרומגעריסן ביי לעבן דאָ אויף דער וועלט!

פּראַנסוּאַ:

(שאָקלט מיטן קאָפּ)

אוי, זשאַק, זשאַק, וואָס ועט פון דיר ווערן?

זשאַק:

גלויב מיר, אַז מיין האַרץ ווייטיקט נישט ווייניקער ווי דיינס.

פּראַנסוּאַ:

כ׳ווייס. (קוקט אויפן זייגער, ווענדט זיך צו שאַרל) איצט, גלויב איך, קענט איר אונז שוין דערלויבן אַריינצוגיין זען דעם שוואָגער מיינעם.

שאַרל:

אפשר וואָלט איר שוין צוגעוואַרט ביז זיין טאָכטער וועט קומען?

פּראַנסוּאַ:

באַלד קומט דאָך זיין לעצטע שעה, וואָלט איך געוואָלט פאַרברענגען מיט אים אַביסל לענגער.

שאַרל:

אַז איר ווילט, קען איך אים לאָזן אַריינפירן אַהער.

פּראַנסוּאַ:

אָ, יאָ, איך דאַנק אייך זער!

(דער תפיסה־סעקרעטאַר קלינגט מיטן גלעקל. אַ וואַך־מאַן קומט)

שארל:

ברענגט אַריין דעם פאַראורטיילטן עדואַר דעוורי.
(וואַך־מאַן אָפּ)

שארל:

(צום פאַסטאַר)
איר ווילט מסתמא בלייבן אַליין מיט אים, האַ?

פראַנסואַ:

ניין, עס מאַכט נישט אויס. איר קענט דאָ בלייבן.
(וואַכלייט פירן אַריין דעם פאַראורטיילטן)

שארל:

(צו די וואַכלייט)
לאָזט אים דאָ איבער און וואַרט אין דרויסן.
(וואַכלייט גייען אָפּ)

פראַנסואַ:

(באַגריסט זיך מיטן שוואָגער. זיי דריקן זיך וואַרים די הענט) **טייערער** עדואַר, ווי פילסטו זיך?

עדואַר:

(זעט אויס דערשלאָגן)
גאַנץ גוט, ליבער פראַנסואַ. מיט דער זון האָב איך זיך שוין היינט גע־זעגנט, באַלד וועל איך זיך געזעגענען מיט דער לבנה...

פראַנסואַ:

זאָג מיר דעם אמת, פאַרוואָס האָסטו אָפּגעזאָגט קאַלעטס בקשה אונ־טערצושרייבן די ביטע אויף באַגנעדיקונג?

עדואר:

ליבער פראַנסוא, שטעל זיך פאָר, אַז איך בין שולדיק מיינעם אַ פריינט אַ חוב, וואָס איך האָב בשום אופן נישט געקענט באַצאָלן. שפּעטער האָט זיך מיין לאַגע פאַרבעסערט און איך בין געקומען צו מיין בעל־חוב אָפּצאָלן אים וואָס אים קומט, וואָלסטו מיך געפרעגט פאַרוואָס איך טו עס?

פראַנסוא:

אָבער מיט דיינע ליידן און יסורים האָסטו דאָך שוין לאַנג באַצאָלט יע־נעם חוב!

עדואר:

ניין, פראַנסוא, איך וויל בעסער דעם טויט איידער צו בלייבן לעבן און תמיד האָבן פאַר די אויגן דעם שאָטן פון אַלטן חטא.

זשאק:

אַ בעל־תשובה, רחמנא־ליצלן, האָט זיך אים פאַרגלוסט צו ווערן!

עדואר:

יאָ, ליבער זשאק; איך וויל טאָקע שטאַרבן אַ בעל־תשובה!

זשאק:

גלויב מיר, הלואי פאַלט מיין וויב אַראָפּ פון פענצטער, ווער איך אויך אַ בעל־תשובה...

(עדואר שאָקלט מיטן קאָפּ)

פראַנסוא:

אָבער קאָלעטן צוליב האָסטו געדאַרפט אונטערשרייבן די ביטע.

עדואר:

(טרויעריק)

מיין אָרימע טאָכטער קאָלעט! אָט טאָקע צוליב איר בלוטיקט און ווייִ־

טיקט מיר דאָס האַרץ. ווי פרייליך, לעבעדיק און שטאָלץ זי פלעגט דאָס זיין! איצט קוקט מען אויף איר ווי אויף דער טאָכטער פון אַ מערדער... אוי, פראַנסוא, עפּעס אַ ווילד געשריי רייסט זיך מיר פון האַרצן, איבער איר שטיקט מיך אַ טיפער צער; האַרץ און מוח ווערן אין מיר פשוט פאַרברענט. איך קען מיר אָבער נישט העלפן.

פראַנסואַ:

טאַקע דערפאַר וואונדערט עס מיך, הלמאי אירע טרערן האָבן דיך נישט באַוואויגן צו געבן דיין אונטערשריפט?

עדואַר:

און אַז מען וואָלט מיך באַגנעדיקט, וואָלט איך דען פאַר דער וועלט נישט געבליבן דער מערדער?... די ווערטער פון המון קלינגען מיר נאָך פריש אין די אויערן: „אָט איז דער מערדער, וואָס האָט אַראָפּ־געוואָרפן זיין פרוי דורכן פענצטער! טפו, טפו, דער פאַרעטער! טפו, טפו!" ווי מען האָט דאָס געטייטלט און געשפּיגן אויף מיר. ליבער פראַנסואַ, באַמי זיך צו טרייסטן קאַלעטן און מאַך איר לייכטער אירע יסורים... פאַר מיר איז, לײדער, נישט פאַראַן קיין אַנדער אויס־וועג...

זשאַק:

האָט דיר קאָלעט דערציילט, אַז צווישן איר און מאַרסעלן איז געוואָרן אויס שידוך?

עדואַר:

זי האָט עס מיר נישט דערציילט, נאָר איך ווייס עס.

פראַנסואַ:

(דערשטוינט)

דו ווייסט עס? פון וועמען?

עדואר:

ער איז דאָך אַפילו קיין איינמאָל נישט געקומען צו די געריכטס־פאַר־האַנדלונגען, האָב איך שוין פאַרשטאַנען, אַז עס איז אים נישט ניחא צו האָבן פאַר אַ ווייב די טאָכטער פון אַ מערדער. איך בין אָבער פון דעם הערכסט צופרידן, וואָס מיין טאָכטער וועט נישט רייכער ווערן מיט פאַרבלוטיקט געלט...

(עס עפנט זיך די טיר און קאַלעט מיט זשילבערטן קומען אַריין)

קאַלעט:

אַ, פאָטער!

(הייסע אומאַרמונג דויערט אַ ווײַלע)

עדואר:

קאַלעט טייערע, האָסט באַהאַלטן פון מיר, אַז דו האָסט איבערגעריסן מיט מאַרסעלן? נישט געוואָלט מיך מצער זיין?

קאַלעט:

(צו פראַנסוא און זשאַקן)

אַ, צו וואָס האָט איר עס אים דערציילט! צו וואָס פאַרשאַפן אים נאָך מער עגמת־נפש?

עדואר:

עגמת־נפש? ניין, מיין קינד, איך האָב שוין גאָרנישט קיין עגמת־נפש דערפון!

שאַרל:

איר וועט מיר זיכער אַנטשולדיקן, איך גלויב, אַז איך דאַרף אייך איצט לאָזן אַליין.

(שאַרל גייט אַרויס)

קאַלעט:

ווייסט, פאָטער, ער האָט מיך אויך וויטער ליב. ערשט מיט איניקע

טעג צוריק האָט ער מיך געבעטן, אַז מיר זאָלן חתונה האָבן, נאָר איך האָב אים אָפּגעזאָגט. איך האָב דאָס געפיל, אַז איך וואָלט נישט געווען גליקלעך מיט אים.

עדואר:

האָסט גוט געטון, מיין קינד, איך בין באמת צופרידן דערמיט.

קאלעט:

פּאַפּאַ, איידער איך בין אַרויס פון שטוב האָט מיר מוסיע דיבוא, דער אַדוואָקאַט, טעלעפאָנירט, אַז ער קומט באַלד אַהער מיטן ראַבינער.

עדואר:

זער גוט, מיין קינד, עס פרייד מיך וואָס דער ראַבינער האָט מסכים געווען אַהערצוקומען.

קאלעט:

אָבער מעג איך וויסן, פּאָטער, פאַרוואָס דו האָסט פאַרלאַנגט, אַז אַ ראַ־בינער זאָל איצט קומען צו דיר?

פראנסוא:

האָב געדולד, טייערע קאַלעט, דיין פּאָטער האָט ריכטיק געהאַנדלט.
(די טיר עפנט זיך אויף און דער ראבינער קומט אַריין אין דער באַ־גלייטונג פונם אַדוואָקאַט, וועלכער באַקענט דעם רב מיטן פאסטאָר פראנסוא. פראנסוא צום רב) איך בין זער צופרידן וואָס איר זענט געקומען.. (שטעלט פאָר דעם רב פאַר עדוארן און פאַר די אַנדערע)

עדואר:

(צום רב)

איר וועט מיר אנטשולדיקן, מוסיע לע ראבען, פאַר מטריח זיין אייך. איצט איז די לעצטע שעה, וועלכע פאַרבינדט מיך נאָך מיט דער וועלט. אונטן שטייט שוין דער שוואַרצער וואגן, וואָס וועט מיך פירן צום גי־לאָטינע־פּלאַץ. אין אַזאַ ערנסטן מאָמענט, האַלט איך, אַז מען מוז זיך

מודה־ומתודה זיין אויפן אמת און איך וויל זיך טאַקע אַראָפּרעדן פון האַרצן. איך צווייפל, מוסיע לע ראבען, צי איר דערקענט מיך אין מיין איצטיקן מעמד? באַלד נאָך דער באַפרייאונג בין איך ביי אייך געווען און דערציילט, אַז איך האָב אויפן געוויסן דעם טויט פון אַ יידישער פאַמילע, וועמעס אַדרעס איך האָב איבערגעגעבן דער געסטאַפּא. צו דער זעלבער צייט האָב איך אייך געבעטן אָנצונעמען ביי מיר 100,000 פראנק לטובת די געראַטעוועטע יידן, אָבער איר האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען די נדבה.

רב:

יאָ, איך געדענק עס זער גוט. ס׳האָט מיך דאַן שטאַרק אויפגערעגט דער פאַקט ווען אַ מענטש, וועלכער האָט פאַראַטן זיינע יידישע פריינט צו די געסטאַפּאָ־רוצחים, וויל שפּעטער דורך אַ נדבה פאַר געראַטעווע־טע יידן זיך ריינוואַשן פון דעם פאַרברעכן, וואָס ער איז באַגאַנגען! (צו פראַנסואַ) איז עס מעגלעך, אַז די מאָראַל ביי אייך קריסטן איז אַזוי נידריק געזונקען? שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר ווי מיר ווערן געפּיי־ניקט מיט כלערליי ענויים, געיאָגט און געפּלאָגט אָן אַ פאַרוואָס! מיר זענען שוין דורכגעקומען פאַרשידענע גיהנומס, אָבער דאָס, וואָס מיט אונז האָט פּאַסירט אין די לעצטע יאָרן, האָט די שוואַרצסטע נבואה נישט געקענט פאַראויסזאָגן! דאָס איז דאָך אוממעגלעך צו באַגרייפן!

פראַנסואַ:

גלויבט מיר, אַז איך האָב נישט קיין ענטפער. אפשר איז דאָס אַ שטראָף פון גאָט; אפשר איז עס אַ שאַנד־פלעק אויפן וועלט־געוויסן, אַ מרידה פון מענטש קעגן גאָט?

עדואַר:

מוסיע לע ראבען, מיינט נישט, אַז איך האָב אין זינען געהאַט זיך ריינ־וואַשן מיט מיין נדבה. ניין. איך ווייס ווי גרויס מיין זינד איז. דאָס איז נאָר געווען אַן אויסדרוק פון מיין אויפריכטיקער חרטה, און איצט בעט איך אייך אויסצוהערן מיין צוואה. (צום אַדוואָקאַט) מוסיע דיבואַ, ביטע לייענט די צוואה, וואָס איך האָב אייך היינט אין דער פרי דיקטירט.

(אין צימער הערשט אַ געשפּאַנטע שטילקייט. ראָבערט קומט אַריין, מערקט די ערנסטע שטימונג און בלייבט שטיין ביי דער טיר. דיבואַ הויבט אָן צו לייענען)



ער איז זיך מתוודה

דיבוא:

(לייענט)

„איך, עדואַר דעוורי, פאַרלאַנג, אַז נאָך מיין טויט זאָל דאָס גאַנצע פאַרמעגן מיינס, אין געלט, ווערט־פּאַפּירן און הייזער, געהערן צו מיין איינציקער טאָכטער קאָלעט, אַחוץ די פיר הייזער אויף אוועניו קלע־בער, וועלכע גייען אַריבער צו מיין אַדאָפּטירטן זון, זשילבערט. פון דער טאָכטער מיינער פאַרלאַנג איך, אַז זי זאָל צען פּראָצענט פון אַלע אירע יערלעכע הכנסות אָפּגעבן פאַר ליידנדיקע יידן. דער אַפּוטרופּוס אויף זשילבערטס הייזער, ביז צו זיין אַכצנטן יאָר, זאָל זיין דער ראַבען מאזעס. ער ווערט אויך געבעטן צו דערציען זשילבערטן.

אונטערגעשריבן,

עדואַר דעוורי.

רב:

(ציטערט אויף)

אַנטשולדיקט, איך — דער אַפּוטרופּוס און דערציער פון אַ קריסטלעך קינד?! איך מיין, אַז איר האָט אַ טעות?

עדואַר:

ניין, מוסיע לע ראַבען, איך האָב נישט קיין טעות. זשילבערט איז אַ יידיש קינד, אַ קינד פון אייער גערודפט פאָלק. זיין אמתער נאָמען איז ישראל ראָזען. אָט אין זיין נאָמען האָב איך אייך צוגעשיקט געלט פון צייט צו צייט, כדי צו שטיצן זיינע אָרימע, אומגליקלעכע, דעפּאָרטירטע ברידער און שוועסטער. צי דערמאָנט איר זיך, אַז איר פלעגט באַקומען גרעסערע סומעס געלט פון איינעם אַן איזראַעל?

רב:

(שאָקלט צו מיטן קאָפּ)

יאָ, אמת, אמת. —

עדואַר:

אָט ער איז דאָס דער איזראַעל. זייט זיכער, אַז מיין איצטיקע חרטה איז נישט קיין צופעליקע און שטייט נישט אין שייכות מיט מיין אָנקומענ־

דיקן טויט, נאָר אַן ערלעך געפּיל, וואָס מאַטערט מיין נשמה שוין זער לאַנג. די געלט־סומעס זענען דאָך די בעסטע ראיה. איך וויל אייך אָבער איבערגעבן, אַז באַלד נאָכדעם ווי איך האָב מיטגעטיילט מיין דעמאָל־טיקן נאָצי פריינט, מיטגליד פון די געסטאַפּאָ־באַנדעס, דעם אַדרעס, וואו די ראָזען־פאַמיליע באַהאַלט זיך, האָב איך שוין געפילט אַ שווערע לאַסט אויף מיין נשמה. און, מערקווירדיק, גראָד אין דעם זעלבן טאָג האָב איך באַקומען מיין ערשטע שטראָף: מיין איינציקער זון איז אומ־געקומען דורך אַ פאַרעטער. צומאַרגנס אינדערפרי בין איך אָבער אַהינ־געלאָפן וואָרענען די ראָזענס, נאָר עס איז שוין לײדער געווען צו שפּעט. מיר איז אָבער געלונגען, ממש מיט מסירת־נפש, אָפּצוראַטעווען זייער קינד.

פראַנסואַ:

איך בין שטאָלץ מיט דיר, עדואַר!

עדואַר:

עס איז דעמאָלט געווען אַ סכנה אַריינצונעמען דאָס קינד צו זיך אין שטוב, האָב איך אים פאַרשאַפט פאַפּירן אויפן נאָמען זשילבערט און אַריינגעגעבן אים אין אַ יתומים־הויז. ערשט נאָך דער באַפרייאונג האָב איך אים אַריינגענומען און אָפיציעל אַדאָפּטירט. אַפילו פאַר מיין איי־גענער פרוי האָב איך די זאַך געהאַלטן בסוד. אָט דאָס איז דער ריינער אמת. איך גיי איצט צום טויט צוליב אַ טראַגישן צופאַל מיט מיין פרוי. גאָט איז מיין עדות, אַז איך בין אומשולדיק. די שטראָף קומט מיר אָבער פאַר דער שווערער זינד, וואָס איך בין באַגאַנגען לגבי זיינע עלטערן, איך שווער, אַז אַלץ וואָס איך האָב דערציילט שטימט אינגאַנצן מיטן אמת!

רב:

(שאָקלט צו מיטן קאָפּ)

איך גלויב אייך, איך גלויב אייך.

עדואַר:

(גייט צו צו זשילבערטן)

דו, קליינער ישראל, (פירט אים צום רב) וועסט זיין ביים ראבינער; דו ביסט אַ קינד פון זיין פאָלק.

רב:

זאָל אייער חרטה זיין אַ מוסר־השכל פאַר אַנדערע!

עדואר:

איך האַנק אייך. (צו זשילבערטן) יאָ, דו קליינער ישראל, האָסט מיך באַ־זיגט; איך באַצאָל איצט דעם חוב, וואָס כ׳בין שולדיק דיינע עלטערן.

רב:

אויב די גוישע וועלט וואָלט אַזוי חרטה געהאַט, ווי איר, וואָלט עס באמת געוועזן אַ טרייסט פאַרן פאָלק ישראל. אָבער צום באַדויערן זענט איר דערווייל נאָר אַ יחיד. אַפילו איצט, ווען איינער פון די דעפּאָר־טירטע פּרוואווט בלויז צוריקצובאַקומען זיין שטוב, זיין בעט, וואו דעם קאַפּ אַוועקצולייגן, קומען נאָך פאַר געננג סקאַנדאַלן! ווען וועט שוין דאָס וועלט־געוויסן אויפוואַכן? ווען וועט שוין יעדער איינער פאַר־שטיין, אַז יעדע עוולה לגבי דעם צווייטן איז אַ פאַרברעכן קעגן זיך?... שוין צייט, אַז יעדער מענטש זאָל זוכן מיט אַלע מעגלעכקייטן ריינצו־וואַשן זיינע מעשים־רעים, וואָס ער האָט אויף זיין געוויסן! שוין צייט, אַז יעדער זאָל פאַרשטיין, אַז די עקזיסטענץ פון זיין לעבן איז נאָר כדי צו העלפן דעם צווייטן. „ואהבת לרעך כמוך״ — דאָס איז דער יסוד פון דער וועלט!...

עדואר:

מוסיע לע ראבען, איך האָב אייך מטריח געווען אַהערצוקומען, כדי נישט צו באַגיין אַ צווייטן חטא. איך ווייס, אַז אַ סך פראַנצויזן האָבן אַדאָפּ־טירט יידישע קינדער און דערציען זיי אַלס קריסטן. איך האָב אויף דעם דאָזיקן וועג נישט געוואָלט גיין. איך ווייס, אַז דאָס איז קעגן דעם ווילן פון זייערע אומגעקומענע עלטערן, און כדי דאָס צו פאַריכטן, האָב איך אייך געמוזט באַלעסטיקן אַהערצוקומען. איך בעט אייך נעמט אויף זיך די דערציאונג פון זשילבערטן. זעט, אַז ער זאָל זיך פילן גליקלעך אין זיין אייגענער סביבה. העלפט מיר צו פאַריכטן די עוולה לגבי דעם

קינד. און ווען ער וועט אויפוואַקסן, זאָל ער מיר מוחל זיין דאָס שלעכטס, וואָס איך האָב געטון זיינע עלטערן...

רב:

אייער בקשה וועל איך, אם ירצה השם, דערפילן. (צו פראַנסוא) איך גלויב, אַז עס איז זער געוואונטשן, אַז אין די קריסטלעכע רייען זאָל מען זיך דערוויסן וועגן דעם אַלעם, וואָס מיר האָבן דאָ געהערט. איך האָף, אַז איר וועט שוין זאָרגן וועגן דעם... זאָלן די יעניקע, וועלכע האָבן געזינדיקט קעגן מיין אָרים, געפּייניקט פאָלק, אַראָפּנעמען פאַר זיך דעם געהעריקן מוסר־השכל!

פראַנסוא:

יאָ, איך וועל דאָס האַלטן פאַר מיין חוב.

רב:

איר האָט דאָ פאַר זיך אַ מענטשן, וועמען דאָס געוויסן פּלאָגט צוליב אַ פאַרברעכן — אַ גרויס פאַרברעכן — וואָס ער איז באַגאַנגען. פון יע־נער צייט אָן האָט ער געזוכט צו פאַרגיטיקן זיין טאַט, זיך מוסר נפש געווען אָפּצוראַטעווען דאָס קינד, וואָס איז פאַרבליבן פון די אומגעקו־מענע ראָזענס, אָבער ער איז שיער נישט באַגאַנגען, ווי אַנדערע, דעם צווייטן חטא, וואָס איז לויט אונזער רעליגיע נישט קלענער פונם ערשטן — איך מיין, אָוועקרויבן דאָס קינד פון זיין פאָלק און פון זיין גלויבן! אַמאָל האָט מען אונז געצוואונגען צו שמד, אונז געפּייניקט מיט אינק־וויזיציעס, און היינט פאַרהאַלט מען אונזערע יתומים־קינדער, געבנדיק זיי אַ קריסטלעכע דערציאונג, מכלומרשט אויס רחמנות. צי איז שוין נישט די העכסטע צייט, אַז רעספּעקט און טאָלעראַנץ זאָלן הערשן צווישן אַלע רעליגיעס און אנשטאַט צו כאַפּן פרעמדע נשמות, זאָל מען בע־סער זיך באַמיען צו דערהויבן די אייגענע נשמות, כדי צו פאַרקלענערן די צאָל רוצחים אין דער וועלט?!

פראַנסוא:

מוסיע לע ראבען, גלויבט מיר, אַז איך פיל מיט, אייער ווייטיק און צער איבער אייער געפּלאָגט פאָלק. יאָ, איך בין מודה ומתודה, אַז מיר

קריסטן וועלן זיך מוזן גוט פאַרטראַכטן לגבי דעם דאָזיקן פּראָבלעם.

רב:

(צו עדוארן)

די השגחה האָט אייך אַריינגעגעבן דעם געדאַנק אין די לעצטע מאָ־מענטן פון אייער לעבן, אויסצומיידן דעם צווייטן חטא. איר האָט זער גוט געטון און זאָל אייך דערפאַר גאָט מוחל זיין!

פראַנסוא:

(טרויעריק)

איך וועל תפילה טון פאַר דיר, עדואר. אַפילו קיין איין מאָמענט בין איך נישט געווען מסופק אין דיין אומשולד בנוגע מיין שוועסטערס טויט.

עדואר:

(מיט אַ טרויעריקן בליק)

איך ווייס עס, ליבער פראַנסוא.

קאַלעט:

(גייט צו צום פאָטער, נעמט אים אַרום און לייגט איר קאָפּ אויף זיין ברוסט, איינהאַלטנדיק די טרערן)

אַ פאָטער, פאָטער!

עדואר:

(צערטלט זי און גלעט איר די האָר)

באַרואיק זיך, טאָכטער. ביסט שוין דערוואַקסן און זעלבסטשטענדיק. זיי רואיק און מוטיק, מיין קינד, וועסט חתונה האָבן און געפינען דיין גליק. איך האָף, אַז גאָט וועט דיר העלפן און וועסט זיין גליקלעך. דאָס פאַרמעגן, וואָס איך לאָז דיר איבער, האָב איך מיר דערוואָרבן אויף אַן ערלעכן אופן.

ראָבערט:

(גייט צו צו עדוארן, דערלאַנגט אים די האַנט)

מוסיע דעוורי!

עדואר:

אָ, ראָבערט, אנטשולדיק מיר וואָס איך האָב דיך פריער נישט באַ־
מערקט. עס פרייד מיך זער וואָס דו ביסט געקומען זיך געזעגענען
מיט מיר.

ראָבערט:

איך בין נישט געקומען בלויז זיך געזעגענען, נאָר אויך כדי צו בעטן
אייער הסכּמה חתונה צו האָבן מיט אייער קאָלעט. איך ליב זי זער און
איך זאָג אייך פייערלעך צו, אַז איך וועל טון אַלץ, וואָס איז מיר מעג־
לעך, כדי זי גליקלעך צו מאַכן!

עדואר:

(מיט פרייד)
טייערער און ליבער ראָבערט, דאָס איז באמת דער שענסטער מאָמענט
אין מיין לעבן, אַז דו ווערסט מיין איידעם! (צו קאָלעטן) זע, קאָלעט,
איצט באַקומסטו אַ חתן, וואָס האָט אויך אַן ערלעך אויסגעאַרבעט פאַר־
מעגן... יאָ, מיטן גאַנצן הארצן גיב איך אייך מיין צושטימונג און
ברכה. זאָל גאָט אייך העלפן, אַז איר זאָלט זיין גליקלעך!

ראָבערט:

אָ, ווען איר וואָלט נאָך געקענט בייוואוינען אונזער חתונה! (טראַכט אַ
ווייל) פאַסטאָר פראַנסוא, צי וואָלט איר נישט געקענט איצט אָפּריכטן
פאַר אונז דאָ די חתונה־צערעמאָניע?

פראַנסוא:

(אויך איבערראַשט)
יאָ, געוויס! איך בין שוין גרייט. (נעמט אַרויס פון טאַש אַ געבעט־
ביכל) קום, ראָבערט, שטעל דיך אָט דאָ אַנידער און דו, קאָלעט, שטעל
זיך פון דער זייט.
(ער פירט אַדורך די חתונה־צערעמאָניע)

רב:

איך ווינטש אייך פיל פרייד און אַ גליקלעך צוזאַמענלעבן! (צו ראָ־

בערטן) עס איז אַ גרויסע זאַך צו האָבן פאַר אַ פרוי די טאָכטער פון אַ בעל־תשובה. (פראַנסואַ שאָקלט צו מיטן קאָפּ אויף יאָ) איך גיב אייך מיינע אויפריכטיקסטע ברכות און זאָל אייך גאָט שענקען פיל גליק!

(אַלע ווינטשן זיי גליק)

פראַנסואַ:

טייערע קאָלעט, זאָל גאָט העלפן, אַז פון איצט אָן זאָלסטו מער פון קיין צער נישט וויסן און זיין באמת גליקלעך!

עדואַר:

(צוקושט זיך מיט זיי, שטעלט זיך צווישן חתן־כלה און לייגט זיינע הענט אויף זייערע אַקסלען)

יאָ, פראַנסואַ, איך האָב דאָך מיינס אויסגעפירט...

פראַנסואַ:

דאָס איז דאָך געווען דיין לעצטער פאַרלאַנג....

עדואַר:

(שטאַלץ)

יאָ, גאָט אַליין האָט געוואָלט, אַז איך זאָל נאָך האָבן אַביסל נחת. אינדערפרי האָב איך ווידער געזען די גייסטער פון מיינע פריינט מוסיע און מאַדאַם ראָזען. דאָסמאָל האָבן זיי שוין געקוקט אויף מיר מיט פריינטלעכע אויגן, קענטיק, אַז זייער כעס און פאַרביטערונג אויף מיר האָבן זיך אָפּגעקילט און זיי זענען מיר מוחל! אָט די פריינטלעכע פנימער זייערע האָבן אַרויסגערופן ביי מיר אַ גאַנץ אַנדער געפיל, אַז אין די לעצטע מינוטן פון מיין לעבן וואַרט נאָך אויף מיר אַ שטיקעלע פרייד. איך געזעגן זיך דעריבער מיט אייך, האָבנדיק אַ רואיק געוויסן.

(ס'עפנט זיך די טיר און שאַרל מיט צוויי וועכטער קומען אַריין. עדואַר געזעגנט זיך מיט אַלע און גייט צו דער טיר. קאָלעט לויפט צו אים צו. סצענע. אַ הייסע אומאַרמונג דויערט אַ ווײַלע. ער רייסט זיך אַרויס פון אירע אָרעמס און גייט אַרויס)

פראנסוא:

(שרייט אים נאָך)
זיי מוטיק, עדואר, מיר אַלע וועלן תפילה טון פאַר דיר!
(אַ ווײַלע הערשט אַ טרויעריק שטילקייט. קאָלעט נעמט אַרויס אַ טיכעלע צו די אויגן, טרערן קייקלען זיך אַראָפּ פון אירע אויגן)

רב:

(דערנענטערט זיך צום קינד)
זע, ישראל, ווי דײַנע אומגעקומענע עלטערן האָבן זיך באַמיט פאַר דיר. (נעמט אים אָן בײַ דער האַנט) **קום, מײַן זון, איך וועל זייער פאַרלאַנג דערפילן און זען, אַז דו זאָלסט אויסוואַקסן אַ גוטער און שטאָלצער ייד.** (אויפהויבנדיק דעם קאָפּ) **עם ישראל חי!**

פארהאנג

די אילוסטראציעס געצייכנט פון דעם קינסטלער

מאריס סאכאטשעווסקי

JUDGMENT

BY

MORRIS KATZ

A PLAY

IN THREE ACTS

Copyright by M. KATZ

Performing Rights of this Play are held by the Author
M. KATZ

PRINTED AND PUBLISHED BY THE NAROD PRESS
LONDON, 1949

JUDGMENT

ISBN:0-657-04487-3